# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואך. פערלאג: חברת „אחיאסף“.

קראקוי, כסלו תרס"ג. פיערטער יאהרגאנג. Krakau, 4 December. 1902.

נומר 49


### איגהאלט:


א) די פערבעסערונג פֿון זשארגאן. פֿאביוס שאך.
ב) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ג) יודישע פרנסות אין לאנדאן. י. װארטסמאן.
ד) וואס הערט זיך אויף דער וועלט? N.
ה) יודישע שטעדט און שטעדטליך. די ביהן.
ו) די יודישע וועלט.
ז) דער נדבן. ערצעהלונג. י. ל. פרץ.
ח) וועגען פֿאלקס-און קינדערביבליאטהעקען. ש. בעלענקי.
ט) אין א זומער-מאנטעל. פעלעטאן. אברהם רייזען.



## „די יודישע פאמיליע“

א מאנאטליכער זשורנאל פיר ליטעראטור און וויסענשאפט.

פערלאג: חברת „אחיאסף“.

עס איז ארוים פון דרוק און איז צושיקט געווארען מיט דער נומער 47 דאס צעהנטע העפט (4-טעס העפט פון 2-טען באנד).

דער אינהאלט איז פאלגענדער:

א) א טעות (ערצעהלונג. ענדע). יהודה שטיינבערג.
ב) שלום יעקב אבראמאוויטש (ענדע). גר צדק.
ג) דאס כפרה-היהנדעל (ערצעהלונג, פארטזעצונג). האל קען.
ד) ר' אברהם אבן עזרא (ביאגראפיע). ש. צ. זעצער.
ה) די געשווינדיגקייט פון ליכט. N.
ו) דער יודישער גענעראל (ערצעהלונג). ישעיהו לערנער.
ז) די פרוי אין אגדה און מדרש. מ. בערקאוויטש.
ח) ראש חודש. י. ל. צופעלליג.
ט) אפאריזמען.

דער פרייז פון דעם זשורנאל פיר די אבא-נענטען פון „יוד“: יעהרליך נור 1 רובל (מיט פארטא 1.50 רובל).

אדרעססע:

Administration „Die Jüdische Familie“ Krakau, Gertrudy 16.

פיר רוסלאנד Издательство „Ахiасафъ“, Варшава.

## שנה חמישית „השלח“ 1902

מכתב עתי חדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו"ל: חברת „אחיאסף“. העורך: אשר גינצברג.

יצאה לאור ונשלחה לכל החותמים החוברת העשירית (October)

וזה תוכן עניניה:

א) ספרי הזכרונות (הספרים ההיסטוריים בכתבי הקדש. ב.) ד"ר ש. ברנפלד.
ב) פקוח נפשות במקום איסור. מ. ל. ליליענבלום.
ג) עונג שבת (ציור). א מיידאניק.
ד) שאלת הכלכלה ומקומה בתנועתנו הלאומית (המשך). ד"ר ה. ד. הורוויץ.
ה) היונגב אשר גורש מאחוזתו (מספורי הסינים). בוקי בן יגלי.
ו) „איש מהיר“. רוד כהנא.
ז) האספה הציונית במינסק. ד"ר י. קלוזנר
ח) השקפה כללית (VI) ד"ר ש. הלוי.
ט) רועים ועדריהם (ז'). מ. חשמונאי.
י) ענינים שונים (ד"ר י. רילף, ר.)

תנאי החתימה ברוסיא: לשנה — 6 רו"כ, לחצי שנה — 3 רו"כ. לרבע שנה לא תתקבל החתימה כלל.

כתובת המו"ל:

Издательство „АХIАСАФЪ“, Варшава.

Verlag „Achiasaf“, Warschau.

חותמי ארצות המערב יואילו לפנות ע"פ הכתבת:

Administration „Der Jude“ Krakau, Gertrudag. 16.

המחיר לשנה: 16 קראנען, 13 מארק, 17 פראנק. בארץ ישראל — 15 פראנק. לחצי שנה: חצי המחיר הנ"ל.

אין ענגלאנד איז צו אבאנירען דעם „יוד" און „די יודישע פאמיליע" אייך אלע אויסגאבען „אחיאסף"
ביי: R. Mazin & Co. London 59 Old Montague str. 59

צו בעקאמען איבעראלל אויף 1903 יאהר

# א. ראסקינ'ס

יודישע אבריים-קאלענדארען (14-ער יאהרגאנג)

1) ראסקינ'ס יודישער גרויסער היסטארישער קאלענדאר פרייז 30 קאפ' מיט פארטא 40 קאפ'

2) ראסקינ'ס יודישער הומאריסטישער פאלקס־קאלענדאר פרייז 17 קאפ, מיט פארטא 23 קאפ'

3) ראסקינ'ס יודישער וואכען־קאלענדאר פיר סוחרים צום נאטירען, פרייז 50 קאפ' מיט פארטא 65 קאפ'.

4) Русско-Еврейско-Магометанскій ежедневный отрывной и запиской календарь. Цѣна 30 коп. съ пер. 45 к.

5) Конторскій еженедѣльный календарь для замѣтокъ изящное изданіе на артистическомъ плакатѣ. Цѣна 50 коп. съ перес. 65 коп.

6) Коммерческій календарь и записная книжка со многими справками и свѣдѣніями. Цѣна въ клеенчатомъ перепл. 40 коп. въ англійскомъ переплетѣ 60 коп. (пересылка 15 коп.)

מיט איין נאכנאהמע קאסט נאך 17 קאפ.

לסוחרים ראבאט טוב!

בעשטעלונגען צו אדרעסירען:

Контора изданій А. Б. РАСКИНА, ВАРШАВА. Дикая 5.j.

פ א ר ז י כ ט י ג!

עס האבען זיך בעוויזען נאכפעלשונג מיט עהנליכע עטיקעטען, ביטטען מיר די געעהרטע קויפער אין אייגענער אינטערעססע גוט אכטונג געבען אויף דער פירמא א. ראסקין און אויף דעם קאלענדאר זעלבסט, נישט נאר אויף די עטיקעטען.

665

---

צו פערקויפען

# BROCKHAUS-CONVERSATIONS-LEXICON

14 Auflage, 17 Bände.

שענער פראכטבאנד, ווי נייע.

פרייז 80 קראנען.

Administr. „DER JUDE" Krakau

---

654 — וויכטיג, זעהר וויכטיג

איז דער נייער־ערשיינטער יודיש־רוסיש טעגליכער

# אבריים-קאלענדאר

## אויף דעם יאהר 1903 (תרס"ג—תרס"ד).

דיזער וויכטיגער אבריים-קאלענדאר איז זעהר שעהן און רייך געדרוקט פון ביידע זייטען, מיט א שעהן אילוסטרירט וועניטיל אין אייניגע שעהנע פארבען.

אין דיזען אבריים-קאלענדאר קומט אויף דער ערשטער זייטע: דער יודיש-רוסיש-אויסלענדישער דאטום, (אין יודיש, רוסיש, דייטש, פראנצויזישע שפראכע) זון-אויפגאנג, זון-אונטערגאנג, צייט פון ליכט בענשען, ראש חדש בענשען, מולדות, כראנאלאגיע, ערהאבענע געדאנקען פון גרויסע געלעהרנטע, דערמאהנונגען וועגען אסעקוראציאן — און ציהונגען די געווינסטע און טיראזשען פון די באנק-בילעטען, יאהר-צייטען פון גרויסע יודישע מענער, פלאטץ אויף בעמערקונג *(для замѣтокъ)* אלעס אין א ועלטען שעהנער ארדנונג. אויף דער צווייטער זייטע קומט: וואונדער-שעהנע אנעקדאטען, לעגענדעס, נייעס פיר יודען, וויסענשאפטליכע, און נאך פיעל ניצליכע און וויכטיגע ארטיקלען. דאס ווערטהע פובליקום וועט גאנץ איבעראשט זיין פון דיזען אבריים-קאלענדאר פרייז 30 קאפ' מיט פארטא 40 קאפ'; 10 אבריים-קאלענדארען אויף איינמאהל איז פארטא פריי. ביז 2 רובל קען מען שיקען פאסט-מארקען: ווייניגער פון 5 קאלענדארען ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט. — לסוחרים ראבאט הגון.

*Адресъ: книжный магазинъ Бр. Блетницкихъ въ Одессѣ, Еврейская 35.*

---

## !!! Вниманію Дамъ !!!

МАГАЗИНЪ МОДНЫХЪ ЖУРНАЛОВЪ *и выкроекъ*

*Подписка продажа и высылка отдѣльн. нумерами. Полученъ свѣжій транспортъ разныхъ понорамъ и альбомовъ модъ верхн. и нижн. вещей на зимній сезонъ. На складѣ имѣется большой выборъ разныхъ манекеновъ.*

485 *Я. А. ПОЖАРИКЪ, ВАРШАВА, ДОЛГАЯ 43.*

---

## עס איז יעדען נייטהיג צו קויפען




פריווילעגיע געמאלדען
נומער 10913

ביי דעם ערפינדער אליין, די לעצטע נייע ערפונדענע מאסיווע נאפט-גאזאווע קיך אהן א קנויט „עקאנאמיע" מיט א פיליטע „בעקוועמליכקייט", ברענט מיט א טרוקענעם גאז, קאכט געשווינד, גיט נישט ארויס קיין שום געדוך און רויך, און פערנוצט אין איין שטונדע פאר ½ קאפ' נאפט. מען קען אויך רעגולירען דאס זיעדען ווי מען וויל. איך שיק ארויס פער נאכנאהמע. דער פרייז מיט אלע צודאטען מיט פארטא: 1 שטיק—3,10 ר', 2 שטיק נור 5,60 ר'; מיט 2 רעזערוואארען אויף וועלכען מען קען מאכען גלייכצייטיג 2 כלים—1 שטיק—5 25 ר'. אין די ווייטע ערטער ווערט צוגעלייגט פארטא פאר'ן געוויכט.

613 דער ערפינדער: I. Французъ, Варшава, Королевская 49j.

---

החוברת הששית של העתון הביבליוגרפי

# ירושלים

תצא לאור בקרוב. מראשית השנה יופיעה „ירושלים" מדי חדש בחדשו.

האדרסה:

Red. „Jerusalem", Krakau, Grodgasse 62.

---

# כְּתָבִים בְּסֵפֶר.

ציורים, מאמרים מכתבים מחיי היהודים באמריקה

מאת הלל מאלאכאווסקי.

מחיר 50 קאפ' עם פארטא 58 קאפ'.

להשיגו אצל:

*Издательство Ахіасафъ, Варшава.*

---



**Фабрика Каучуковыхъ штемпелей, кожанныхъ издѣлій и Граверное заведеніе**

---- Ш. Е. ФРИДМАНА ----

въ Варшавѣ, Магазинъ Бѣлянская 23.

*Рекомендуетъ: портмонэ со штемпелемъ изъ черной опойковой кожи съ 5-ю отдѣл. и съ особымъ отдѣл. для золота за 1 р. 85 к. изъ настоящей тюленевой мягкой шагренированной кожи за 2 р. 25 к. Дамскія по тѣмъ же цѣнамъ, безъ штемпели на 35 к. дешевле Премія при заказѣ 6 штукъ сразу 7-ое безплатно. Бумажникъ-Кошелекъ удобство съ 7 отдѣл. для бумагъ и 2 особыми отдѣл. для золота опойковыя 2 р. 50 к. тюленевыя 3 р. 25 к. цѣны съ перес.*

*Домашняя типографія „побѣда" весьма практичные приборы изъ передвижныхъ буквъ всѣхъ языковъ которыя всякій можетъ легко набрать и печатать разного рода тексты а также моментальнаго набора желаемного штемпеля № 0 съ 90 букв. 1 р. № 1 съ 160 букв. 2 р. № 2 съ 290 букв. 3 р. 50 к. № 3 съ 480 букв. 4 р. 75 к. № 4 съ 715 букв. 6 р. 50 к. № 5 съ 1000 букв. 10 р. Комплекты NN 0 и 1 полезные подарки для дѣтей, требуются агенты на весьма выгодн. условіяхъ. Полный прейсъ-курантъ до 120 тр. высылается только за три 7 коп. марки которыя при первомъ заказѣ отсчитываются.* 616

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 49

# דער יוד

צייטשריפט

פיר אלע יודישע אינטערעסע.

ערשיינט יעדע וואך.

פערלאג: חברת „אחיאסף".

דער פרייז פיר רוססלאנד:

גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 „
פיערטעל יאהרליך 1.50 „

מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:

ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אויגוסט — 1 „

איינצעלנע נומערן 15 קאפ.— 30 העללער.

ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ

די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ", Варшава.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:

אסטרייך־אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא ענגלאנד —.10 שילינג

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

די אדרעסע פיר עסטר.־אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

קראקוי, כסלו תרס"ג. נומר 49 Krakau, 4 December 1902.

## די פערבעסערונג פון זשארגאן.

די צייט פון דער קינדהייט איז שוין פאר'ן זשא־גאן פארביי. ער איז שוין ארויסגעקראכען פון די קינדערשע שיכעליך, האט שוין דורכגעמאכט פאקען און מאזעלן און איז שוין ברוך־השם געווארען א קרעפטיגער, נעוונדער בחור, וואס וויל לעבען און קען לעבען. דער זשארגאן האט געוויזען אין די לעצטע 20 יאהר, אז ער איז ניט נור א פאלקסשפראך, נאר אויך א קולטור־שפראך. מיט אונזערע משכילים, וואס האבען געגעסען די בילדונג מיט קאכלעפיל, וויל איך קיין מלחמה ניט האלטען איבער די משונה־דיגע פראגע: „אייב דער זשארגאן האט דאס רעכט צו לעבען אדער ניט?" דער הצוף־פרעגט טאקי גאר קיין שאלות ניט אויב ער טאר אדער ניט. ע ר ל ע ב ט. פוסטע פלפולים צו האלטען, — דערצו איז צו שאד דאס פאפיער. ווער עס האט נור א קליינע ידיעה פון בילדונג, דער וויים, אז מען קען קיין שפראך ניט קינסטליך בעשאפען און מען קען זי אויך ניט קינסטליך טויטען. א שפראך וואקסט ווי א בוים, א בלום, זי וואקסט שטענדיג און זי פערוואקסט מיט דעם פאלק, צו וועלכען זי געהערט, זי פערוואקסט מיט זיין נשמה און מיט זיין גייסט. מען קען זי פון איהם ניט אבּרייסען. די שפראך וואקסט דורך דאס פאלק און דאס פאלק וואקסט דורך די שפראך.

ניין, דעם זשארגאן ק ע ן מען ניט מבטל זיין און מען ט א ר איהם ניט מבטל זיין, ווארום אין דער שפראך ליגט די נשמה פון א פאלק. נעמט מען פון איהם אוועק דעם לשון, דאן שוואכט מען אב זיין גייסטיגע קראפט, דאן פערדארבט מען זיין גייסטיגעס לעבען. ווער עס האט ליעב זיין יודישעס פאלק, דער מוז אויך ליעב האבען זיין פאלקס־שפראך. אודאי איז לשון־הקודש פיעל שענער און איידעלער, לשון־הקודש איז געוועזען אונזערע טייערע שפראך, ווען מיר זענען נאך געוועזען א גליקליכעס פאלק, און מיר האפען און ווינשען, אז זי וועט ווידער אמאל ווערען אונזער נאציאנאל־שפראך. אבער דאס ווערט ניט געמאכט אין א יאהר און ניט אין צוויי. ערשט דער נייער דור, וואס וועט ווערען געבוירען אין ארץ־ישראל, וועט קענען רעדען לשון־קודש ווי אויף א מוטער־שפראך, און — עס וועט מוזען זיין אן אנדער לשון־קידש ווי אונזער היינטיגער, עס וועט מוזען זיין רייכער און פשוט'ער. פארלייפיג אבער וועט נאך דער זשארגאן בלייבען אונזער לשון, און מען טאר איהם ניט פעראכטען און אונטערדריקען; אדרבא, מען מוז איהם מאכען יונגער, שענער און איידעלער, ווארום דערפון וועט אונזער פאלק האבען א גרויסען נוצען.

אונזער זשארגאן איז געוועזען פון אנהויב א ריינעס דייטש. אונזערע עלטערן, וואס זענען געקומען פון דייטשלאנד און וואס האבען גערעדט דייטש, האבען מיטגעבראכט מיט זיך זייער שפראך. אפילו די יודען, וואס האבען פריהער גערעדט דעם סלאווישען לשון האבען שפעטער אנגענומען דורך די יודען, וואס זענען געקומען פון דייטשלאנד, די דייטשע שפראך. עס זענען צוגעקומען א סך לשון־קודש'דיגע ווערטער פאר הייליגע זאכען און דערנאך האבען זיך אריינגע גנב'עט פיעל רוסישע און פוילישע ווערטער אין די שפראך און עס איז געווארען דערפון א זשארגאן. די שפראך איז געווארען וואס ווייטער מעהר גראב און פערווילדערט, ווי א קינד, וואס ווערט דערצויגען אין דער פ־עמד אהן עלטערן. די עלטערן פון דער שפראך זענען געבליבען אין דייטשלאנד, און דער לעבעדיגער יתום איז נעבּיך געווארען פערשווארצט און פערביטערט. מען האט ניט געזארגט פאר די ריינקייט און די שענקייט פון דער שפראך — מען האט געהאט אנדערע צרות און דאגות. אט אזוי איז דער זשארגאן געווארען גראב און ווילד און ער איז אזוי געבליבען ביז פאר 30 יאהר צוריק.

איצט אבער, ווען מען האט אנגעהויבען צו בעלעבען די יודישע קולטור און זיך צו פערנעהמען מיט די פ־אגען פון יודישען לעבען, איצט מוז מען אנהויבען מיט מעהר ליעבע צו קוקען אויף אונזער מאמע־לשון און דעם זשארגאן רייניגען און פעראיידעלען. א ראק, וואס מען טראגט איהם אלע טאג, מוז מען האלטען ריין און מען מוז זעהן איהם אויסצופוצען און צו פערשענערען.

ווי פעראיידעלט מען א שפראך?

ערשטענס דורך די ליטעראטור.

די ליטעראטור איז די באנק פון דער קולטור און פון דער שפראך. דארטען ליגען די אוצרות פון פאלקס־גייסט, דא־טען איז

דער ים פון אלע געדאנקען און ציעלען. די ליטעראטור איז אויך דאס געוויסען פון דער שפראך. ווי די ליטעראטור, אזוי איז דאס פאלק, דארטען איז דער שפיעגעל. מאכט מען די ליטעראטור רייכער און שענער, דאן ווערט די שפראך פעראיידעלט. ווערט די ליטעראטור רייכער אין געדאנקען, ווערט דורכדעם אויך די שפראך רייכער אין ווערטער און אויסדריקען. די ענגלישע שפראכפארשער האבען אויסגערעכענט, אז א פראסטער ענגלישער פוהרמאן וויים נור 400—3 ווערטער, און זיי זענען גענוג פאר זיין פראסטען לעבען און פאר זיין שוואכעס דענקען. ביים פאעטען שעקספיר אבער געפינט מען מעהר ווי 20 טויזענד ווערטער. דאס איז אין זשארגאן אויך דאס זעלביגע. אז מען הויבט אן מעהר צו דענקען און צו פיהלען, מאכט מען זיך בעשטענדיג מעהר ווערטער.

דער זשארגאן פון אונזערע עלטערן און פון פיהערען דור איז געוועזען ארים, גראב און פראסט, ווייל זיי האבען נור גערעדט אויף זשארגאן פון פראסטע זאכען. אדער זיי האבען גאר קיין אינטערעס ניט געהאט פאר גייסטיגע זאכען, אדער ווי באלד זיי האבען געוואלט רעדען פון העכערע זאכען, האבען זיי אנגעהויבען צו רעדען אנ׳אנדער לשון, רוסיש, פויליש אדער דייטש. דער זשארגאן האט ניט געהאט קיין ליטעראטור און אונזערע פרויען האבען נעביך אויסגעבראכען די צייהנער מיט דעם משונה־דיגען לשון פון טייטש־חומש און מיט די תחינות. איצט, אז מיר האבען א זשארגאנישע ליטעראטור, וואס האט זיך ברוך־השם גאר ניט צו שעמען, איצט וואו מיר שעמען זיך ניט צו רעדען צים פאלק פין העכערע זאכען אין זשארגאן, ווערט אונזער פאלקס־שפראך שטענדיג רייכער, איידעלער און שענער. פון דער ליטעראטור פלאנצט זיך אריבער די פעראיידעלטע שפראך אין לעבען פון פאלק. מען דארף נור פערגלייכען דעם זשארגאן פון דיק (אמ״ד) מיט דעם זשארגאן פון פרץ, און מען זעהט, אז אין דעם לשון אליין איז איין אונטערשיעד ווי פון טאג צו נאכט. מען געפינט היינט ביי אונזערע גוטע שריפטשטעלער גרויסארטיגע שילדערונגען פון דער נאטור און זעהר פיינע שילדערונגען פון געפיהלען, וואס קיין מענש האט גאר ניט געגלויבט, אז דאס וועט זיין מעגליך אין זשארגאן. אט זעהט מען דאך, ווי דער לשון וואקסט מיט דער ליטעראטור אליץ מעהר.

אבער ווי ער וואקסט, דאס איז א גרויסער חלוק. די בלומען וואקסען אויך ניט אלע גלייך, עס הייננט אב פון דער ווארימקייט פון דער זון, פון דעם רעגען, פון די בעארבייטונג פון פעלד. א גוטער גערטנער קען ניט מאכען פין א ליליע א ראזע אדער פערקעהרט, אבער ער קען זארגען, אז די ליליען זאלען זיין שענע ליליען און די ראזען זאלען זיין שענע ראזען. א פאלק קען אויך זארגען, אז זיין שפראך זאל ריכטיג און געזונד וואקסען. ביי אונז איז אבער אלסדינג פערלאזען און פערווילדערט. קיין לשון אין דער וועלט איז ניט אזוי הפקר ווי דער זשארגאן. יעדער שרייבט און רעדט ווי ער וויל, יעדער מאכט זיך נייע ווערטער נאך זיין אייגענעם געשמאק. עס זענען דא א סך יודען, וואס ווייסען גאר ניט, אז מען קען אויף זשארגאן שען שרייבען און רעדען. „ד. ה. יודיש איז יודיש, און יעדער יוד אין יעדע יורענע קען רעדען און שרייבען יודיש!“ אזוי מיינען זיי, און זיי שרייבען און רעדען, און—עס האט קיין טעם און קיין ריח ניט. דאס איז א אונגעזונדע לופט פאר די ענטוויקעלונג פון זשארגאן, דאס מיז ווערען אנדערש און דאס קען אויך ווערען אנדערש, ווען מיר ווילען נור.

מען וואלט נעדארפט אויסקלויבען א קאמיסיע פון זשארגאנישע שריפטשטעלער, וואס זענען געבילדעט, פערשטעהען וואס פון אנדערע שפראכען און וואס האבען א גוטען און געזונדען געשמאק אין ליטעראַרישע זאכען. די קאמיסיע מוז אויספארשען דעם לשון פון

# פעלעטאן.

## אין א זומער־מאנטעל.

(מאנאלאג אין קראנקען־הויז).

איהר זייט ווען געגאנגען ווינטער אין א זומער־מאנטעל? ניין! גלייך נאך סכות, און אמאל נאך פאר סוכות האט איהר שוין א ווינטער־מאנטעל אנגעטהון? הא? א, איהר ציטערט דאך פאר קעלט, קאלטע נשמות! איבער אייך, האבען מיין הארץ, מיין לעבען, מיין יוגענד, מיינע האפנונגען, מיינע גליקען געפלאצט... איבער אייך! ווען איהר וואלט אזוי פאר קעלט ניט געציטערט און וואלט זיך גלייך אין ווארימע בגדים ניט אנגעפעלצט, וואלט איך דאך ניט קראנק געווארען. ווייל קראנק געווארען בין איך ניט פאר קעלט, נאר פאר חרפה, — איך האב זיך געשעמט!

צו אלע צרות איז נאך מיין מאנטעל איין עכט־זומערדיגער געוועזען — איין העלער, און אפילו מענשען איןברילען פלעגען גלייך דערקענען. אז איך בין משנה דעם סדר פון דער וועלט, און פלעגען אויף מיר קרום קוקען און לאכען...

ווען איך וואלט ניט געוועזען קיין פערשאלטענער מרה־שחורה׳ניק, וואלט איך איין פרעהליכער יונג גיכער געוועזען — א קלייניגקייט — אלע לאכען! א העלער זומער־מאנטעל אויף איין ארימען מענשען אין א ווינטער־טאג, מאכט אלעמען לאכענדיג... און מרה־שחורה׳ניקעס זאגען נאך, אז די וועלט טרענקט זיך אין טרעהרען און עס איז קיין עצה ניטא... א, זאלען אלע מענשען אום ווינטער אנטהון זומער־מאנטלען און העלע, דוקא העלע מאנטלען, — וועט די גאנצע וועלט לאכען... איך בין דערין איבערציינט... אז מען טראגט ווינטער א העלען ליכטען מאנטעל, מוז מען לאכען; עס איז טאקי לעכערליך...

איך בין אבער דערפון קיין פרעהליכער יונג ניט געווארען, פערקעהרט, מיין מרה שחורה האט געשטייגט פון טאג צו טאג, און נעהענדיג אין גאס אין מיין זומער־מאנטעל (פערגעסט ניט, אז ער איז העל געוועזן), פלעג איך טראכטען: דא איז מיין סוף געקימען...

און מיינט איהר, אז איך האב זיך ניט געטרייסט, ניט געפינען קיין קולא׳ס, אז עס איז רעכט אום ווינטער צו געהן אין א זומער־מאנטעל? פערקעהרט, מיין מח האט נור אין דער דאזיגער ריכטונג געארבעט. איך האב ביי זיך פועל געווען, אז אז וואהל אין גוט וואלט דער גאנצער וועלט געווען, ווען אלע וואלטען אין זומער־מאנטלען ווינטער געגאנגען, עס וואלט ניט געוועזן קיין קנאה, קיין שנאה, און מענשען וואלטען זיך ברידערליך איינע די אנדערע געווארעמט... אויך האב איך א ראיה גענומען פון ציגיינער: זיי וואלגערן זיך נעביך אויף פעלדער אין אזוינע לייכטע בגדים, די קליינע קינדערליך זייערע געהען נאקעט און בארוועס און פון דעסטוועגען לעבען זיי... ווידער פלעג איך זיך דערמאנען אן איין וויסענשאפטליך ביכיל, וואס איך האב געלייענט. דארטען פערזיכערט דער פערפאסער, איין פראפעסאר פון לייפציגער אוניווערזיטעט, אז א מענש קען זיין קערפער „פערהארטעווען“, ער קען זיך געוועהנען צו געהן אויף אייז אין סאמע שבט, און איהם זאל עס ניט שאדען... פערקעהרט. ער וועט נאך געזינטער זיין. אזא יאהר אויף מיר, ווי דער פראפעסאר איז גערעכט... נור פערהארטעווען דעם קערפער! דאס איז איין סגולה פאר די מענשהייט, און איך אלס אנהענגער פון יענעם פראפעסאר מאך א וויסענשאפטליכען פריוו: איך געה טאקי אין א לייכטען זומער־מאנטעל און אויב א האר זאל עס מיך ארען! נאר נישט; ווי ניט מיך מיינט מען!... „פערהארטעווט זיך!“

פאלק און מוז איהם אויסבעסערן, וואו דאס איז נויטהיג. די חברים מוזען זיך צוזאמען בעראטען, ווי מען זאל צונעהמען נייע נויטהיגע ווערטער און ווי מען זאל מאוסע ווערטער, וואס האבען ניט קיין גוטען קלאנג למשל „קאלעקאצען, פאצקענען“, אדער וואס זענען סתם נארריש און אונלאגיש, מבטל זיין און פאר זיי נעהמען פשוטע און קלארע ווערטער. פון צייט צו צייט זאלען די חברים פון דער קאמיסיע ארויסגעבען ביכליך איבער זייערע ארבייטען. די וואס רעדען און שרייבען זשארגאן וועלען באלד אנהויבען אויסצוניצען די רעזולטאטען פון די דאזיגע ארבייטען אין דער ליטעראטור און אין לעבען.

קודם־כל מוזען מיר האבען ריכטיגע כללים ווי צו אויסצולעגען זשארגאן. יעדער מוז וויסען, ווי יעדעסווארט אין זשארגאן זאל געשריבען ווערען. היינט שרייבט מען גאר משונה׳דיג, יעדער ווי ער וויל. טאמער האט איינער גענאשט אפאר דייטשע ווערטער, מיינט ער אז מען מוז מאכען קונצשטיקליך און שרייבען אנדערש ווי די אנדערע. מען שטאפט אן די ווערטער מיט איבעריגע אותיות און זיי קריגען פרעמדע ווילדע פנים׳ער.

מען מוז מאכען כללים, ווי מען זאל שרייבען, מען דארף זעהן, אז יעדעס ווארט זאל זיין זעהר איינפאך און זעהר לייכט צו שרייבען, עס דארף זיין א כלל, אז מען זאל אקוראט אזוי שרייבען ווי מען רעדט.

פון די כללים ווי ריכטיג אויסצולעגען וועט מען קומען מיט דער צייט צו א זשארגאנישע גראמאטיק. מאכען א זשארגאנישע גראמאטיק איז א שווערע און גרויסע ארבייט, אבער זי וועט זיך אויפבויען פאמעליך א שטיין אויף א שטיין, און וועט מיט דער צייט ווערען א פארטיגע זאך. למשל מוז מען שוין היינט פעסט בעשטימען דעם מין פון יעדען ווארט, אויב עס איז א זכר אדער א נקבה, אז איינער זאל ניט זאגען ד ע ר באָרד און דער אנדערע דוקא די באָרד.

איך וויים, וואס מען וועט מיר זאגען: מען רעדט זשארגאן אומעטום אנדערש, קען מען דעריבער קיין גראמאטיק ניט מאכען. אבער מען רעדט אויך דייטש אין יעדער געגענד אנדערש, נאר מען לערנט אין גאנץ דייטשלאנד אין די שולען, אז מען מוז אזוי און אזוי שרייבען, און אלע געבילדעטע דייטשען שרייבען גלייך. אין זשארגאן וועט זיין דאס זעלבינע. אלע וועלען וויסען, אז מען מוז אזוי שרייבען ווי די כללים זאגען. לשון־קודש ווערט אויך אין פוילען אנדערש אויסגעשפראכען ווי אין ליטא, אבער אלע שרייבען דאך גלייך.

מען מוז ארויסגעבען א פרעמדווערטער־בוך אויף זשארגאן. דאס איז שוין היינט זעהר נויטהיג. אצונד איז נאך זעהר שווער פאר א שריפטשטעלער אין זשארגאן צו שרייבען איבער פיינערע זאכען, מען מוז אצונד יעדען בעגריף ברייט ארומשרייבען, וואס מען קען אויף דייטש אדער אויף רוסיש זאגען מיט איין ווארט. למשל: איך זאג „דאס איז פסיכאלאגיש ריכטיג“. וויסען אבער פיעל ניט, וואס לייענען זשארגאן, וואס פסיכאלאגיש איז. און איך מוז מאכען א לאנגען און לאנגווייליגען פרוש. אז עס וועט אבער עקזיסטירען א ווערטער־בוך, וועט יעדער קענען אויפזוכען, וואס דער פירוש פון ווארט איז. דאס ווערטער־בוך זאל ניט פראסט איבערזעצען די ווערטער, נאר דערקלעהרען זיי.

אונזערע אריסטאקראטען האלטען דעם זשארגאן פאר א מאוסען לשון און זיי ברעכען זיך אויס די צייהנער צו רעדען אנדערע שפראכען אבי ניט יודיש. דער פערשטארבענער פראפעסאר מ א ק ס מ י ל ל ע ר אין אקספארד, דער גרעסטער שפראכפארשער, זאגט: „עס איז ניטא קיין שענע און קיין מאוסע שפראכען, יעדער לשון איז שען, ווען מען רעדט איהם ריכטיג“. זשארגאן איז געוויס ניט אזוי איידעל ווי פראנצויזיש און קלינגט ניט אזוי מוזיקאליש ווי אי־

---

ווילט זיך מיר אויסשרייען, בענגענדיג חיים טרענבאך דעם גביר אין א ווארימען פוטער, — „פערהארטעוועט זיך!“ נאר, רעד מיט איהם, אז ער איז ווייט פון דער וויסענשאפט, אז אויסער וויינע געשעפטען ווייסט ער ניט...

און פון מיינע נחמות, ווערט אש...

---

וואס דארפט איהר א בעסערע נחמה?

ביי אונז אין שטעדטיל, ווען איך בין נאך א יונגיל געווען, האט געוואהנט איין באראן, איין אמת׳ער באראן, זאל איך אזוי געזונד זיין. אלע האבען געוואוסט! אט דער באראן פלעג געהן שטענדיג אין א זומער־מאנטעל... וואס וועט איהר זאגען, אז א באראן איז אויך איין ארימאן!.. דאס קען דאך ניט זיין! אהא, א באראן! א באראן, איז דאך אזוי גרויס, היינטיגע צייטען ניט מען שוין נאר אזעלכע טיטלען ניט. אוים!... היינט, ווער דארף דאס וויסען, ווער איך בין? אפשר בין איך אויך א באראן און איך האב אין דער היים טויזענד פוטערס, נאר פון גוט וואהלקייט ווענען בין איך קאפריזנע און וויל געהן דער נאטור אויף צו להכעיס — דוקא אין א העלען זומער־מאנטעל... טא, וואס־זשע לאכט איהר, פארכעס!..

נאר עס העלפט ניט, אלע קאנען מיך, אלע וויסען, אז איך בין איין קבצן, איך האב ניט געקענט מאכען אויף ווינטער קיין מאנטעל, און אלעמען דאכט זיך, אז איך פריהר... נאר איך שווער אייך בנאמנות, אז איך האב פאר קעלט א האר קיין מורא ניט; פערקעהרט, איך האב ליעב די קעלט, עפּיס פיהל איך מיר, אז דער פראסט נעמט מיך ארום און גלעט מיך און קושט מיך און מיר איז א מחיה... נאר געה טענה מיט פראים, וואס פערשטעהען גאר נישט. די באבע יאחנע האט זיי געזאגט, אז ווינטער איז קאלט און מען מוז טראגען א ווארים בגד, גלויבען זיי און היטען עס. געהן ווייטער פון דער באבע יאחנען קענען זיי ניט. אוי, מאוסע רעאקציאנערען, וואס קענט איהר ניט פאראווערטס געהן, וואס פערגעסט איהר אין וואס פאר א צייט מיר לעבען, וואס פערגעסט איהר, אז „היינטיגע צייט“ איז קיין ברויט ניטא, און אייך ווילט זיך נאך ווארימע בגדים... מיט דער צייט לעבט!..

---

אט האט מיר אבגעשטעלט מיינער א בעקאנטער, וואס איז געווען אין א ווארימען בגד. ער רעדט מיט מיר, דאכט זיך, פון הויכע ענינים און די אויגען נעמט ער ניט אראב פון מיין העלען מאנטעל... דאס בלוט געהט מיר אין קאפ און עס איז מיר הייס... היים, און ער דער פרא־אדם, מיינט, אז עס איז מיר קאלט און גיט זיך א פרעג:

— דו האסט נאך גאר קיין ווינטער־בגד ניט?

— ניין! ענטפער איך און מיר ווערט נאך מעהר הייס.

— קאלט, הא? — פרעגט ער.

— א האר אויך ניט...

ער קוקט אויף מיר און לאכט, דאכט זיך. איך קען מעהר מיט איהם ניט שטעהען, איך האב איהם פיינט, ווי א שפין. א מענש זאל נאר נישט פערשטעהן... איך גיב איהם די האנד און אנטלויף פון איהם. וואס דארף איך איהם? וואס טויג ער מיר? א מענש, וואס קען אפילו ניט פערשטעהן, אז ווינטער קען מען געהן אין א זומער־מאנטעל. איך געה גיך, גיך און ווארף מיט די אויגען, טאמער וועט גאט מיר צושיקען א מענשען, וואס איז איין אנהענגער פון מיין אידעע, וואס געהט אויך אין א העלען זומער־מאנטעל. אין אזא גרויסער שטאדט זאל זיך ניט געפינען איינער אין א זומער־מאנטעל — חאטש א באראן... נישט קשה, איך וואלט מיט איהם שוין בעקענט ווערען... באראנען זענען איידעלע לייט. אונזער באראן, האט מען דערצעהלט, איז געוועזן זעהר איין איידעלער מענש, ער פלעגט אפילו מיט א פראסטען יודען זיך אבשטעלען רעדען...

טאַליעניש, דערפאַר אבער האט ער אנדערע מעלות: ער איז קורץ, קרעפטיג און איז רייך אין בילדער. ער האט נאָך אַ בעזונדער גרויסע מעלה: מען קען אויף זשארגאָן ניט מאכען קיין פוסטע מליצות, ווי באלד מען איבערזעצט די פוסטע פיינע ווערטער פון דייטש אויף זשארגאָן, קלינגען זיי גאר לעכערליך. דאס איז אין אונזער צייט, ווען די פראגע איז געווארען אַ מין קראנקהייט, זעהר אַ גרויסע מעלה. אַז מען וועט אוועקנעהמען פון זשארגאָן די פערווילדערונג, מען וועט איהם רייניגען און פוצען, וועט ער זיין זעהר אַ אינטערעסאנטע און גוטע פאָלקס־שפראך.

פיעל וועלען מיך האלטען פאַר אַ פאנטאסטען און וועלען ניט גלויבען אין די מעגליכקייט אויסצובעסערן דעם זשארגאָן. אָבער זיי זאלען נור זעהען, ווי די דייטשע שפראך האט זיך ענטוויקעלט וועלען זיי אנדערש דענקען. די דייטשע שפראך, וואס איז איצט אזוי רייך און אזוי פיעלזייטיג, איז פאַר 150 יאהר צוריק געוועזען כמעט אזוי אָרים ווי אונזער זשארגאָן. פיעל ווערטער, וואס מען קען אָהן זיי היינט ניט אויסקומען, זענען נאָך קיין 100 יאהר ניט אַלט, א סך בעקאנטע ווערטער זענען נאָך ניט אמאל בר־מצוה, דער קעניג פריעדריך דער גרויסער פון פרייסען האט נאָך פיינט געהאט די דייטשע שפראך, ווייל ער האט זי געהאלטען פאַר פראסט און גראב. ער האט נור געשריבען אויף פראנצויזיש און האט געלאכט פון די דייטשע ביכער. אַז דער פאעט לעססינג האט געוואלט שרייבען זיין בעריהמטעס בוך „לאַאָקאָאָן", האט ער זיך ערשט לאנג איבערלעגט, אויב ער זאל עס ניט בעסער שרייבען אויף פראנצויזיש, ווייל ער האט מורא געהאט, ער וועט פאַר די פיינקייטען פון קונסטגעפיהל ניט געפינען קיין ווערטער אויף דייטש זיך ריכטיג אויסצודריקען. אט אזוי האט דענסמאל אויסגעזעהען די דייטשע שפראך, וואס איז היינט געווארען אזא געוואלטיגע קולטורשפראך! און וואס איז גאר געוועזען דער רוסישער לשון אין דער צייט פון פעטער דעם גרויסען? דאך נאר אַ גראָבע שפראך, וואס האט ניט געטויגט פאַר העכערע ענינים. אט זעהט איהר דאך, וואס מען קען אלסדינג מאכען פון א לעבעדיגער שפראך דורך די ליטעראטור און דורך די ליעבע און די בעמיהונגען פון פאַרשער און פריינד. דורך געזונדע ארבייט קען מען הויבען די ענטוויקעלונג פון אַ שפראך. מען גיט איהר גוטע תנאים צים לעבען, און זי וואקסט און בליהט און מאכט דעם פאָלק כבוד און פרייד.

איך ווייס, די אויפגעבלאָזענע משכילים, וואס האבען מורא פאַר דעם זשארגאָן ווי פאַר דעם שטן־המשחית, וועלען ווידער שרייען געוואלט, אַז איך האב פיינד לשון־הקודש און וויל אוועק הרג'נען אונזער נאַציאָנאַל־שפראך. איך וויל דערום מוסר־מודעה זיין: איך האב, ווי יעדער פריינד פון יודישען פאָלק, זעהר ליעב אונזער העברעאיש, וואָס איז אונזער טייערע ירושה און וואס וועט ווערען ווי דער אַמאָל אונזערע לעבעדיגע שפראך, איך בין געוועזען דער ערשטער וואס האט געשריבען שוין אין יאהר 1891 אַ בראָשורע אויף דייטש איבער די העברעאישע ליטעראטור. איך ליעב לשון-קודש אלס די שפראך פון אונזער נאַציאָן און איך וואלט וועלען, אַז יעדער יוד זאל קענען פערשטעהן העברעאיש. אָבער איך ליעב אויך דאָס יודישע פאָלק, און דער גרויסער טהייל פון יודישען פאָלק פערשטעהט גאַנץ ווייניג העברעאיש. מיר האבען דעם הייליגען חוב צו רעדען צו זיי אין זייער לשון און צו זאָרגען פאַר זייער בילדונג. מיר האבען דעם חוב, אונזער פאָלקס־שפראך צו פעראיידעלן און אונזער ליטעראטור צו מאַכען שען און געזונד. דורך דעם ציוניזם איז ענטשטאנען אַ ווארמעס אינטערעס פאַר די יודישע קולטור און אַ ווארמעס אינטערעס פאַר אונזערע ארבייטער, אונזערע פרויען און זייערע ווירטשאַפטליכע און גייסטיגע בעדערפנישען. טאַ, לאָמיר אויסנוצען די לעבעדיגע

---

איך בענקען אבער קיינעם ניט... אַלע האָבען זיך דערשראָקען פאַר'ן ווינטער און האבען זיך אָנגעפעלצט ווי די חיות אין וואַלד... אמת'ע חיות... נור איך איינער, אַ מענש, איך געה נאָך זומערדיג און מען קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ משוגענעם...

דארף מען האבען מעהר קבצן, ווי אַט דער טרעגער, איך קען דאָך איהם, ער געהט אויך אין א ווארימען בגד. אמת, די וואַטע זעהט זיך אַרויס, אָבער פאָרט איז זיין בגד א ווינטערדיגער. קיינער וועט ניט האבען די העזה פון איהם חלילה צו לאַכען, ער טהוט, ווי אַלע גוטע פרומע לייט טהון: ווינטער געהט ער אין א וואַרימען בגד. אַ טרעגער — אבער מעשה — מענש! די וועלט האט צו איהם קיין טענות ניט...

און וואָס האָבען זיי צו מיר? וואס קוקען זיי אויף מיר? זיי האָבען דען רחמנות? אַז איך דאַרף ניט זייער רחמנות. אז מיר איז בעסער פאַר זיי. איך לאַך פון זייערע בגדים! איך טראָג פייער אין האַרץ, מיר איז וואַרים... איך וועל זיי שווערען מיט מיין עולם הבא, אַז מיר איז ווארים... אַז מיר אַרט גאַר די קעלט ניט... מיר אַרט נור די חרפה... עס איז עפּים ניט שען!.. וואָס ניט שען? ווייס איך אַליין ניט! איך בין טאַקי א נאַר! א קלוגער, דערהויפט אַ שטאַרקער, וואָלט אויף די אַלע קליינע מענשעליך מיט די קליינע קעפּעליך א שפיי געטהון און אויסשרייען: איך שטעה העכער פאַר אייך, איך בין העכער פאַר קעלט. אָדער, ווי א ניי מאָדנער פילאָזאָף זאָגט: אויף יענער זייט פון קאַלט און ווארים... נאָר יענער פילאָזאָף איז, דאַכט זיך, משוגע געוואָרען... א שאַד, וואָס קלוגע מענשען ווערען משוגע און נאַרען בלייבען ביי זייער שכל און מאַהנען: אַ ווינטער־בגד! איהם וואָלט שוין ניט געאַרט, וואָס איך געה אין א זומער מאַנטעל. ער וואָלט מיר געווים געגלויבט: מאַלאַדיעץ! — וואָלט ער מיר א קלאַפּ געטהון אין פּלייצע — דו ביזט איין איבער־מענש!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

שאַ!.. אָט איז א זומער־מאַנטעל, ווי איך בין איין יוד, איין לייכטער העלער זומער־מאַנטעל, פונקט ווי מיינער. אוי, אַ געזונט אין איהם. ווער איז ער? איך וועל איהם געהן קושען... ער האט דאך מיך געראַטעוועט... ווער קען ער זיין! אפשר אַ באַראָן! אָט געה איך צו אַ קוק טהון... ס'אַ נאַר ער איז! וואָס געהט ער פונאַנדערגעשפּילעט! עס איז דאָך קאַלט... ניין! איך האב א טעות! קאלט איז ניט — עס איז הייס... זעהר הייס!... נאַר גלאַט עס איז ניט שען! צו פיעל זומערדיג — פונאַנדער געשפּילעוועט!.. אָט, געה איך איהם זאָגען, ער זאָל זיך, ווי איך פערשפּילען... זאָלען לייט ניט קוקען און לאַכען. עפּים פון איהם לאַכט מען נאָך מעהרער ווי פון מיר... הא? וואָס איז דאָס? אַ איך ווייס שוין! דאָס איז דאָך לויבקע דער שכור... ניט קיין באַראָן... פאַר צרות האָט ער אָנגעהויבען צו שכור'ן... פּע, מאוס, מאוס... איך בין דאָך אבער קיין שכור ניט! איך וועל מיר נאָך אויפנעהען אַ בגד... אויף נאמנות! גלויבט מיר! ווארט נאָך אַ חדש, זאָל נאָר דער קריזיס פּלאַצען! היינט איז זעהר ענג — איך האָב נישט! די צייט וועט זיך אבער פערבעסערן... זי מוז זיך פערבעסערן, איך וועל מאַכען איין טהייערען פוטער, ווי איהר האָט ליעב... לאָזט מיר, לאָזט מיך! טרייבט מיר ניט אין דער קאַלטער וואַנע, איהר זאָגט דאך, אַז עס איז קאַלט, אוי הייס איז מיר, הייס... הייס, הייס...

אברהם רייזען.

קראפט און ארבייטען פאר אונזער פאלק און פאר זיין איצטיגע פאלקס־שפראך.

קארלסרוהע. פאביוס שאך.

## פאליטישע איבערזיכט

די אונרוהען אין מאקעדאניען. — רעפארמען אין איטאליען. די ארגאניזאציע פון קאמיסיאנען אין פראנקרייך.

די אונרוהען אין מאקעדאניען זענען איינגעשטילט געווארען, ניכער וועגען דער ווינטער־צייט, ווען עס איז זעהר שווער זיך צו בעהאלטען אין די בערג און די וועלדער, איידער דורך דעם טערקישען חיל. די רוהע איז דערפאר ניט אויף לאנג, מען האט מורא, אז מיט דעם פריהלינג וועלען די אונרוהען זיך ווידער אנהויבען. די צייטונגען זענען דערווייל פול מיט בעשרייבונגען פון דעם טיעפען עלענד, אין וועלכען עס געפינען זיך די מאקעדאנישע קריסטען. די באשי־בוזוקען (דאס זענען טערקישע קאזאקען), וואס האבען זיך קונה־שם געווען מיט זייער ווילדקייט און אונמענשליכקייט, ראבעווען מאקעדאנישע דערפער. פיעל מאקעדאניער צולויפען זיך אין די ארומיגע לענדער. אין מאקעדאניען זעהט מען איצט דיזעלבע בילדער, וועלכע מען האט געקענט זעהן אויף די באלקאנען פאר דער רוסיש־טערקישער מלחמה. אמת, די קריסטליכע צייטונגען זענען פול מיט גוזמות. די קריסטען אויף די באלקאנען ווילען וואס מעהר אויפרייצען אייראפא געגען די טערקען. פון טערקישער זייט הערען מיר, אז עס איז ארויסגעגעבען געווארען א בעפעהל, לויט וועלכען עס ווערט שטרענג פערבאטען צו רופען די פריעדליכע קריסטליכע איינוואהנער פון מאקעדאניען, נאך מעהר די טערקישע רעגיערונג פערלאנגט, אז מען זאל ניט זיין שטרענג געגען די בונטאוושיקעס, אז מען זאל זעהען מיט גוטען איינצורוהיגען די איינוואהנער.

איראפא שטעהט אויף טערקיי׳ס זייט און וויל ניט צולאזען, אז מאקעדאניען זאל אבגעריסען ווערען פון טערקיי. מיר גלויבען אבער ניט אז אייראפא וועט קאנען איהר וואונש דורכפיהרען. אלע יסודות פון א פריעדליכען צוזאמענלעבען פון די קריסטען און מאהמעדאנער זענען אין מאקעדאניען שוין לאנג אונטערגעגראבען. דער שוואכער גרונט, אויף וועלכען עס שטעהען דארט די קריסטען און טערקען, וועט מוזען פריהער אדער שפעטער אונטערפאלען, אבער אונטערפאלען וועט ער.

דער פראנצויזישער פארלאמענט האלט שוין ביים ענדיגען זיין ערשטע סעסיע. די גאנצע צייט איז דער פארלאמענט געווען פערנומען מיט ויכוחים וועגען דער מלחמה מיט גלחישע חברות און וועגען דער פאליטיק פון איצטיגען מיניסטעריום בכלל. די דאזיגע ויכוחים האבען געהאט פאר פראנקרייך א גרויסען ווערטה. זיי האבען ארויסגעוויזען, אז דער גרעסטער טהייל פון פארלאמענט האלט שטאהל און אייזען פאר די פאליטיק פון דעם מיניסטער־פרעזידענטען. ווייטער, אזוי ווי דער איצטיגער פארלאמענט בעשטעהט נאך פון נייע דעפוטאטען, איז געווען וויכטיג, מען זאל זיך קלאר מאכען די לאגע און אז יעדער זאל קלאר בעשטימען דעם ארט, וועלכען ער וויל פערנעמען בנוגע צו די פיעל וויכטיגע פראגען פון דער פראנצויזישער פאליטיק. ביי אלע פראגען האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די איצטיגע רעגיערונג האט אין פארלאמענט א גרויסע מערהייט פון שטימען, און דאס וועט איצט דער רעגיערונג פערגרינגערן איהר ארבייט ביים פארלעגען פון פערשיעדענע געזעצען.

דער פראנצויזישער פארלאמענט האט איצט אנגענומען א נוטען סדר פאר דער ארבייט. דער גאנצער פארלאמענט טהיילט זיך איין אין קאמיסיעס, וועלכע פערנעמען זיך בעזונדער מיט איינצעלנע פראגען. אין א קאמיסיע קען אויסגעקליבען ווערען א דעפוטאט, וואס קריגט ניט וועניגער ווי 15 שטימען. קיין דעפוטאט טאר ניט זיין מעהר ווי אין איין קאמיסיע. דערווייל ווערען אויסגעקליבען 15 קאמיסיעס. איינע, למשל, פאר ענינים פון חיל, איין אנדערע פאר ענינים פון ערדארבייט, א דריטע פאר ענינים פון פינאנץ, א פירטע פאר ענינים פון בילדען, א. ז. וו.

דערמיט וויל מען קריגען, ערשטענס די מעגליכקייט, אז יעדע פראגע זאל ארומגערעדט ווערען נור פון ספעציאליסטען און ניט גלאט פון מענשען, וואס האבען סתם ליעב צו רעדען איבער יעדער זאך, און צווייטענס, וויל מען דערגרייכען א גרעסערע גיכקייט אין דער ארבייט.

די פינאנציעלע לאגע פון איטאליען איז זעהר א שלעכטע. הונגער, עמיגראציע, אונארדנונגען, — דאס זענען די שטענדיגע ידיעות, וועלכע מען הערט פון איטאליען. דעם איטאליענישען פארלאמענט ווערט איצט פארגעלעגט א גאנצער פאק פון פראיעקטען, דורך וועלכע מען וויל פערבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון פאלק. עס ווערט פארגעלעגט, אז די רעגיערונג זאל איצט פארנעהמען פערשיעדענע ארבייטען ווי בויען נייע אייזענבאהנען און גראבען קאנאלען, כדי צו שאפען פרנסות דעם ארימען פאלק. צוזאמען מיט דעם ווערט אויך פארגעלעגט אראבצונעהמען פיעל אבצאהלונגען, וואס ליגען דערהויפט אויף די פויערים און אויף די ארימע קלאסען.

דורכדעם וועט אבער ענטשטעהען פאר דער רעגיערונג א גרויסער דעפיציט אין איהרע פינאנסען. די ליבעראלע און סאציאליסטישע בלעטער לעגען דעריבער פאר, אז איטאליען זאל פערקלענערען איהרע הוצאות אויפ׳ן חיל, כדי דערמיט אויסצוגלייכען איהר בודזשעט. וועט אבער די רעגיערונג פועל׳ן ביי זיך נאכצוגעבען דעם פערלאנג פון די דאזיגע פארטייען און צו פערקלענערען איהר חיל? י. ל.

---

## יודישע פרנסות אין לאנדאן.

יודישע עמיגראנטען קומען קיין לאנדאן נישט פון וואהלטאג וועגען. זיי קומען אהער זוכען ארבייט. און דא איז א כלל: א ד ע ר פ ע ר ד י ע ן א ו ן ל ע ב, א ד ע ר ש ט א ר ב!

ניט יעדער יוד קאן אבער ווערען גלייך איין א ר ב י י ט ע ר. פאר א לופטמענשען איינצוגעהן אין א ווארשטאט, זיך אנידערזעצען ביי דער מאשין און ארבייטען פון פריה ביז אווענד, איז זעהר, זעהר שווער, ניט זיין קערפער, ניט זיין גייסט איז געוואהנט דערצו.

אין אמעריקא, אז מען וויל ניט אדער מען קאן ניט ארבייטען ווערט מען א פ ע ד ל ע ר (הויזירער), מען נעמט וואס פאר עס איז סחורה און מען געהט אדער אויף דער גאס אדער מבית לבית פערקויפען. זענען דא צופיעל פעדלערס אין שטאדט, פאהרט מען ארויס אונטערן שטאדט, מען געהט אוועק צופוס פון איין דארף צום צווייטען — און מען מאכט א לעבען. דאס פעדלעריי ערנעהרט אין אמעריקא צעהנדליגע טויזענדע יודען.

דא אין לאנדאן צו לעבען פון פעדלעריי איז שווער, כמעט אונמעגליך. עס איז דא קיין מאדע ניט צו געהען פון שטוב צו שטוב און פערקויפען אלערליי סחורות. עס געפינען זיך אפילו א פאר פעדלער, נאר פאר מעהר איז דא קיין פלאץ ניט. יעדענפאלס ניט

אין לאנדאן, וואו כמעט אונטער יעדערענס נאָז איז פֿאַרהאַן אַ קראָם, וואו יעדער קאן זיך אלע־ איינקויפֿען.

צו געהען פֿון איין דאַ־ף צום צווייטען לאָזט זיך דא אויך ניט. דאָס לאנד איז בעדעקט מיט אייזענבאהנען און אומעטום זענען פֿאַרהאַן קראָמען, וואו מען קען ניך קריגען סחורה פֿון די גרויסע שטערט.

עס בלייבט אלזאָ נור די גאַס. די גאַס קאן אבער קיין פרנסה ניט געבען. איהר געפֿינט דא אויפ׳ן גאַס למשל בייגעל־פֿערקויפֿער. מוז מען אהן א שיעור פֿיעל בייגעל פערקויפֿען, ביז מען פֿערדיענט א פאַר שילינג. א אנדערער פֿערקויפֿט קיכעליך, לייקעכליך א. ד. ג. א שלעכט געשעפֿט! אט זעהט איהר א יודיל אנגעטהון מיט א קעסטיל אניף דער ברוסט, ער שטעהט און ווארט שעה׳ן לאנג אויפ׳ן קויפֿער און זינגט זיך דערביי: „2 פֿאַר א פעני״. הויבט אן צו רעננען, אזוי מוזען אלע גיך א וועק. און אין לאנדאן רעגענט עס אפֿט. אויסערדעם איז פֿערבאטען צו שטעהען אויף איין אָ־ט. זעהט מען א פאָליציי־מאַן, מוז מען אנהויבען שפאציערען. אנדערע פֿערקויפען פֿערשיעדענע קלייניגקייטען אויף דער גאַס — אבער איך האב ניט נעקענט געפֿינען קיין איינציגען, וועלכער זאל דערפֿון מאַכען א לעבען.

די גאסען־פעדלער זענען געוועהנליך אדער אלטע יודענעס, עלטערע יודען, אדער גאר יונגליך; האלבע קאַליקעס אדער אזוי שלים־מזל׳דיגע. אנדע־ע האבען קינדער, וועלכע פֿערדיענען אויפ׳ן לעבען און זיי „פֿערדיענען צו״ נאך א פאַר שילינג.

ווערט מען א מוהל, א שוחט אדער א חזן. דאס איז דאך ניט קיין שלעכט געשעפֿט. עס זענען פֿאַרהאַן מוהלים, וואס פֿערדיענען זעהר פֿיעל געלד. אויפ׳ן ברית איז דא א מאדע אז יעדער ניט א היבשע מטבע דעם מוהל.

אויסער דעם איז גלאַט אזוי גוט צו זיין איינער פֿון די „כלי־קודש״. מען טראגט א צילינדער־הוט און מען רופֿט זיך „רעווערענד״ ד. ה. טאקי כמעט ווי א רב! (א רב רופֿט זיך דא רעווערענד).

צו ווערען אבער א מוהל דאַרף מען קענען אומגעהען מיט׳ן חלף, צו ווערען א שוחט — דארף מען זיין א שוחט פֿון דערהיים, און צו ווערען א חזן, דארף מען אבער האבען א שטיקיל שטימע, אדער מען דארף װעניגסטענס קאנען יענעם אבנארען און איינרעדען אז מען קען דאווענען.

פערשטעהט איהר שוין אליין, אז דער געוועהנליכע עמיגראנט קאן דא ניט ווערען א מוהל, שוחט, אדער חזן.

ווערט מען א מלמד אדער לעהרער. זעהט איהר, דא דארף מען שוין קיין שום קענטניסען ניט האבען. מען מוז אבער זיין א חצוף; מען מוז קענען יענעם „פֿערבלענדען״ די אויגען. עס לוינט זיך אבער ניט. דער לעהרער מאכט שלעכטע געשעפֿטען. די קינדער געהען דא אין די אלגעמיינע שולען; (אהין מוזען זיי געהען לויט געזעץ) דארט זענען זיי ביז 4—5 נאכמיטאג, און פֿאר דאס יודישע לערנען בלייבט איבער דער אויפֿערנאַכט. עס פֿערשטעהט זיך אז דאס קינד וויל זיך שלאָפֿען, וויל זיך עסען און אפשר אויך א לעקציאָן מאכען (ווען ער געהט אין די העכערע קלאַסען). און אזוי בלייבט איהם איבער גאר ווייניג פֿרייע צייט. און אויף אט דאס ביסיל פֿרייע צייט זענען שוין דא צופֿיעל לעהרערס. דעריבער מוזען זיי לאזען ביליג, זיי מוזען קאנקורירען און די עלטערן קענען טאקי ניט פֿיעל צאהלען. צו געהען פֿון איין קינד צום צווייטען, נעמט אויך אוועק פֿיעל צייט. דער סך־הכל איז, אז מען קאן ביי לעהרעריי פֿערדיענען „וואסער אויף קאשע״.

די מלמדים מאכען עס בעסער. זיי לאזען א ביליגען פרייז, זוכען צונויף עטליכע טוץ קינדערליך, מען פאקט זיי צונויף אין איין קליין שמוציג צימעריל און מען קנעלט. ווי עס איז שוין — מען לעבט, מען האט פרנסה. דער עמיגראנט איז אזוי ניט געקומען אהער צו ווערען א מלמד. דאס האט ער געקענט זיין אין דער היים. עס פֿעהלט אויך פֿיהלען די חוצפה צו לערנען מיט יענעם, בעת מען קען קוים אליין עברי.

ווערט מען א קרעמער. דאס איז דוקא דא ניט קיין שלעכט געשעפֿט, און עס געפֿינען זיך טאקי דא אין לאנדאן עטליכע טויזענד יודישע קליינע און גרויסע קרעמערס, וועלכע פֿערדיענען גאנץ שען פרנסה.

ווערען א קרעמער קאן אבער ניט קיין פֿרישער עמיגראנט. קודם כל דאַרף מען דערצו פֿערשטעהן אביסיל ענגליש, אפשר קומט דאך אריין א „גוי״ קויפֿען. די הויפטזאַך איז אבער: מען דארף וויסען וואו מען איז, מען דארף האבען פֿיעל בעקאנטע; מען דארף קענען דעם ארט מיט אלע מנהגים, און געלד דארף מען אויך ניט ווייניג האבען: מען דארף אָפֿט היבשע עטליכע פֿונט בעצאהלען בלויס „שליסעל־געלד״, ד. ה. פֿאר די ערלויבניש אבצודינגען די קראָם. דאס „שליסעל־געלד״ בעקומט דער פֿריהערדיגער קרעמער, אדער דער ווער עס האט אבגעדונגען דאס גאנצע הויז. מען דארף האבען געלד אויף סחורה און אויף אויסצוהאַלטען די קונים; דא איז א מאדע אז מען נעמט אויף באָרג א גאנצע וואך. מאכט זיך, אז דער קויפֿער געהט ארום אהן ארבייט, מוז מען נאטירליך איהם ווייטער געבען אויף בארג וואכען־לאַנג, אויב מען וויל, או ער זאל דאס פֿריהערע בעצאהלען.

ווי איהר זעהט, איז דאס קרעמעריי ניט פֿאר „גרינע״, פֿאר פֿריש געקומענע יודען.

וואס־זשע דען טהוט דא פֿארט א פֿרישער יוד, וואס וויל ניט, אדער קאן ניט ווערען א ארבייטער?

דארפֿט איהר וויסען, אז לאנדאן איז ברוך־השם א יודישע שטאדט, עס געפֿינט זיך דא הונדערטער (אויב ניט טויזענדער) יודישע חברות, חברות מן כל המינים. עס זענען פֿאַרהאַן אונטערשטיצונגס־חברות, שולען, בתי־מדרשים, קלייזליך, ציוניסטישע חברות; ביקור־חולים חברות; הכנסות כלה, אז״וו. אלע חברות דאַרפֿען געלד. דאס געלד גיבען נאַטירליך די מיטגלידער. דאס געלד צאהלען זיי געוועהנליך וואָכענווייז. דאס וואכען־געלד דאַרף מען צונויפֿנעהמען. דערצו זענען נויטהיג מענשען. און אט אזוי איז געבוירען געוואָרען א עכט יודישע פרנסה: געלד־קאַלעקטארס. דער קאלעקטאר בעקומט 20—25 פראצענט. איז דאס וואָכען־געלד גרויס, בעקומט ער קלענערע פראצענטען. פֿאַר א רוסישען יודען וועט עס אפשר פריקרע זיין פֿון אנהויב אראבצונעהמען פֿאַר זיך א געוויסען פראצענט פֿון צדקה־געלד, נאר מען געוועהנט זיך. דער מאַגען פועליט אלעס.

לעבען דערפֿון אליין קען מען אבער נאך ניט. ערשטענס זענען דאָ צופֿיעל בעלנים אויף אזא פרנסה, צווייטענס, קאן מען נור די ערשטע טעג פֿון וואָך דאָס געלד איינקאַסירען, ווייל אין מיטען און סוף וואך איז שוין ביי פֿיעלען קיין מזומנ׳ער גראשען ניטא.

פֿון וואנענ־זשע לעבט מען פֿארט ? זוכט מען דערצו אַנדערע קלענערע פרנסות, אבי נור די וואך דורכצושטופען.

א קלארע תשובה וועט אייך געבען דערויף אַ יודי: ער עמיגראַנט וואס האט אויסגעפרופֿט אויף פֿערשיעדענע אופנים דורכצושטיפען זיין וועלטיל.

ער דערצעהלט מיר אזוי :

„קומענדיג קיין לאָנדאָן, איז מען נרין, מען פֿערשטעהט ניט דעם כאראקטער פֿון לאנדאנער לעבען. ניט קענענדיג אפילו די גאַסען, איז קיינער ניט אימשטאַנד צו מאַכען געשעפֿט און יעדער זוכט, צי ער טויג אדער ניט, צו ווערען א ארבייטער.

ביז אין 1892 האט זיך א גרויסער פראצענט פֿון די ניי געקומענע גיך גענומען צו סטאלעריי. מען האָט דערביי פֿיעל פֿערדיענט, היינט פֿערדיענט מען דערביי ניט פיעל און דעריבער בלייבט נור דער סטאלאר פֿון דער היים ביי דער דאזינער מלאכה.

איצט ווערען די געקומענע „גרינע" פרעסערם אדער מאַשינים־טען ביי שניידעריי אדער ביי קירזשנעיי. אנדערע ווערען שוסטער אדער זוכען זיך אַנדערע י ו ד י ש ע מלאכות.

ניט אלעמען אבער ווילט זיך ווערען א ארבייטער. ניט יעדער איז פֿון דער יוגענד דערצו געוואהנט. פֿיעלע ווערען ארבייטער, נור אויף דערווייל כ ד י נור וואס גיכער אבצושפארען א פאר פֿונט און ווערען קליינע קרעמערליך. פֿיעלע דערגרייכען זייער ציעל און מאַכען ניט שלעכט. אנדערע קומען דערצו ניט. עס איז ניט לייכט געלד אבצושפארען, איינער פֿערדיענט ווייניג, דער אנדערער פֿערדיענט גענוג, האט ער א גרויסע פֿאַמיליע.

ווערט מען אביסיל מעהר בעקאנט אין שטאָדט, ווארפֿט מען אַוועק די ארבייט און מען ווערט א הויזירער. געוועהנליך מיט שניט־סחורה א. ד. ג. ד. ה. זיי פֿערקויפֿען זייער סחורה אויף אויסצאַהלען. אַזאַ מין הויזירער מוז אבער אויך האבען א פאר פֿונט. די לאנדאנער גרויסע יודישע צדקה־חברה לייהט עטליכע פֿונט אהן פראָצענט, אויב מען האט ווער עס זאָל ערוב זיין. א ערבות איז אבער ניט אזוי לייכט צו געפֿונען.

ווערט מען איין קאלעקטאר פֿון איינער אדער אייניגע חברות, דורך זיי בעקומט ער פֿיעל בעקאַנטע. און דאָס איז אַ גרויסע זאך ! מען הויבט אן זיי פֿערקויפֿען די פֿערבאטענע לאטעריע־בילעטען. דאס נעמט ניט אַוועק פיעל צייט.

קומט יום־טוב צייט ווערט גאָר אַ לעבען ! מען פֿערקויפֿט די בעקאַנטע בנגבה בראנפֿען און דערצו דערלענט מען אויך ניט.

געפֿינט מען קיין חברה ניט וואו מען קאן ווערען א קאלעקטאר, אזוי ווערט מען א פאַפיראסען הענדלער, ד. ה. מען האָט א געוויסע צאהל בעקאנטע, ברענגט מען זיי יעדען זונטאג אהיים א געוויסע צאהל פאפיראסען. דעם אנדערען זונטאג ברענגט מען פֿרישע און מען בעקומט פֿאַר די פֿריהערע. אויב ניט, מוז מען וואַרטען א פאר וואָכען.

דאס אויסארבייטען פֿון פאַפיראסען ליגט מעהר אין די הענד פֿון מיידליך. דער הענדלער קויפֿט געוועהנליך ביי זיי די סחורה, ד. ה. ער גיט זיי טאַבאַק און הילזען און ער בעצאהלט זיי פֿאַר די ארבייט. זעלטען ווען דער הויזירער מאכט די פאַפיראסען אליין.

האָט מען א 100 קונים, אזוי קען מען דערפֿון ציהען פרנסה. נאר זעהר זעלטען וואס איינער האָט אזוי פֿיעל. עס געפֿינען זיך דאָ אין לאָנדאָן אהן אַ צאהל פאַפיראסען־הענדלער.

זייענדיג א קאלעקטאר, צי א סיגאַרען־הענדלער אד"ג., ווערט מען דערווייל בדרך אגב געוואהר, אז דארט און דאָרט וויל מען א הויז אדער א קראם פֿערדינגען. מען דערוויסט זיך אויך ווער עס זוכט א הויז אדער א קראם און אַט אַזוי ווערט מען אויך א מעקלער פֿון הייזער. מען גלייכט אוים די צוויי צרדים וועגען „שליסעל־געלד" און מען „לעקט דערביי אב א ביינדיל".

אַט אזוי לעבט א גרויסער טהייל יודישע עמיגראַנטען פֿון „זיי־טינע זאַכען" און מען שטאַרבט ניט פֿאַר הונגער.

צי לוינט זיך פֿון דעסטוועגען צו קומען נאך לאנדאָן ?

א ברירה האָט מען ?

קרינט מען ניט קיין ארבייט און האָט מען ניט קיין זייטיגע פרנסות — ווערט מען א שנארער.

דאָס שנאָרען, דאָס געהען בעטלען אין די הייזער איז דאָ פֿערבאטען. ניט מען זיך אַנ׳עצה.

מען הערט גלאט ניט דאָס געזעטץ. ווער וועט עס געהען דערצעהלען, מסר׳ן ?

עס איז אבער דאָ אַנ׳אנדער מיטעל. מען נעמט עפים א קלייניגקייט אין האַנד און מען געהט כלומר׳שט פֿערקויפֿען. דער עולם ווייסט שוין וואס מען מיינט. דערהויפט געהט מען פֿון רעסטאראַן צו רעסטאראַן, וואו מען דאַרף פֿריהער ניט אנקלאַפען אין טהיר, איידער מען געהט אריין. דער דאָזיגער מין בעטלען איז אבער ניט אַזוי אנגענעהם.

נו, ווייסען מיר דאָך אז אונזערע יודען זענען פֿעהיג יענעם נאכצומאַכען. די שנארערס פֿערשטעהען דאָס געשעפֿט נאָך בעסער.

מען קויפֿט א קאטערינקע אדער א אַנדער אינסטרומענטיל און מען געהט פֿון ארט צו ארט און מען דרעהט אַזוי לאַנג, ביז מענשען מיט גוטע הערצער אדער מיט שוואכע נערווען שיינקען עפים.

אנדערע ז י נ ג ע ן : ווער חסידישע, ווער „טהעאַטער" שטיק. נאר אנדערע ש פ י ע ל ע ן אין גאַנצע קאַמפּאַניעס. איינער אויף אַ פֿירעל, דער אנדערער אויף אַ קלארנעט, דער דריטער אויף א טרומעט או"וו. איהר זעהט דאָ גאַנצע מחנות כלי־זמר ארומגעהען און שפיעלען פֿאַר פֿערשיענע הייזער.

דאָס אלעס איז ערלויבט. דאָס ווערט געהאַלטען פֿאַר אַ אַרבייט. איינענטליך איז דאָס תמיד געוועזען אַ פריווילעגיע פֿון די איטאַליענער, און די יודען פֿלעגען נור אין פורים שפיעלען. נאר וואָס קאָן ניט דאָס „אייראָפעישע לעבען" אויפֿטהון ?

מען מיז מודה זיין, אַז אַלע יודישע שנאָרערס אין לאָנדאָן מאַכען אוים גאָר אַ קליינעם פראָצענט פֿון דער היגער יודישער בעפֿעלקערונג. איך ווייס ניט, צי געפֿינען זיך אין גאַנץ לאָנדאָן א פאָר הונדערט יודען, וואָס לעבען פֿון שנארעריי. און יודען רעכענט מען דאָ איבער 120 טויזענד. די שנאָ־ער ווארפֿען זיך דאָ אין די אויגען, ווייל מען איז דאָ געוואָהנט צו אַנ׳אַנדערען סאָרט לעבען.

אין גרויסען און גאַנצען קאָן מען זאָגען, אז לאָנדאָן, ווי יעדער ניי אָרט אין דער פֿרעמד, האָט פֿיעל איבערגעמאַכט דעם יודען, דאָך איז אבער געבליבען אַ שטיק פֿערשימעלטע גאס פֿון דעם יודישען תחום.

און אנדערש קאָן עס נאַטירליך ניט זיין. דער עמיגראַנט לעבט איבער אַ מין „איבערגאַנגס-צייט“, און אַזאַ מין צייט איז די שווערסטע, די אונאַנגענעהמסטע.

י. וואַרטסמאַן.

---

## וואָס הערט זיך אויף דער וועלט?

אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט: אויף געלד, געלד און ווייטער געלד! אַמאָל איז עס אפשר געווען אַ גלייך ווערטיל, היינט איז עס אבער געוואָרען אַ פשוטע זאַך, איין אמת וואָס יעדער ווייסט; עס וועט קיינעם ניט איינפאַלען דערביי צו שמייכלען, און אויב יא, וועט עס זיין אַ שמייכעל פון: „מאי קא משמע לן?“ ווער ווייסט עס נישט, אַז ווען די זון שיינט איז ליכטיג, אַז אויב מען עסט נישט איז מען הונגעריג?

געלד, געשעפט — אָט דאָס איז די קראַפט, אונטער וועלכער עס האָט זיך היינט אַלעס אונטערגעגעבען. פון פויער אויפ'ן פעלד, ביז צום געלעהרטען אין זיין קאַבינעט, פון אַרבייטער אין דער פאַבריק ביז צום קינסטלער אין אטעליע (אַרבייטס-צימער), מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע לעבען, דאָס גאַנצע געטומעל, די אַלע רעדער, וואָס דרעהען זיך אַזוי שנעל, אַזוי האַסטיג און מיט אַזאַ רעש, דאָס אַלץ ווערט געיאָנט און געטריבען פון איין קראַפט, — פון, מיט און דורך געלד!

און קיינער וואונדערט זיך נישט מעהר, קיינער וויצעלט זיך ניט מעהר; דער „סדר העולם“ איז אַזוי און עס פיהרט זיך אַזוי משׁשת ימי בראשית אָן. אמת, עס הערט זיך אַמאָל אַ שטילער, פערקלעמטער זיפץ פון אַ צובראָכען האַרץ, עפּיס אַ מאָדנע תּערומות אויף גאָט און לייט... נאָר עס קלינגט אָן אין אונזערע אויערען ווי אַ ווידער-קול פון ווייטען, ווי איין קינדערש פערבענקעניש צו עפּיס אַ גן-עדן, וואָס איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען און איז געבוירען געוואָרען אין עמיצענס אַ תמ'עוואַטע מח... דאָס איז ווי מען זאָגט „פּאָעזיע“, און „פּאָעזיע“ ווייסט דאָך די גאַנצע וועלט, איבערהויפּט, די רייכע, פיינע און עלעגאַנטע וועלט, איז זעהר אַ פיינע און איידעלע זאַך, וואָס פיינע, איידעלע און עלעגאַנטע מענשען דאַרפען ליעב האָבען, רעדען דערפון און לויבען מיט גרויסע התפעלות... נאָר דאָס איז די מאָדע אַזוי, אבער אין תוך אַריין בלייבט די וועלט שטעהן אויף איהר פונדאַמענט: אויף געלד, געלד און געלד.

איהר האָט אפשר אַמאָל אין אייער לעבען געזעהן, געהערט אדער געלעזען וועגען אַ וואַסער-פאַל אין אַמעריקאַ מיט'ן נאָמען „נאַגאַראַ“? ווען נישט — פּרובּט שטעלט אייך פאָר אַ ברייטען-ברייטען טייך, אַזוי ברייט אַז אייער אויג דערזעהט נישט דעם ברעג קעגענאיבער; דערצו איז דער טייך, נאָך טיעף, זעהר טיעף און פליעסט שנעל; די פאַליעס טאַנצען, היפּען, יאָגען איינע ... און אַזוי יאָגט דער טייך ביז צו איין אבגרונד, צו אַ תהום, די ערד לאָזט זיך פּלוצלינג אַראָב נידריג, ווערט ווי אַנגעריסען... און די מאַסע וואַסער, וואָס לויפט צום אבגרונד צו מיט איין אימפעט, פאַלט אַראָב אין תהום אַריין... שטעלט אייך פאָר אַזאַ גאַס וואַסער אויף עטליכע גאָרען הויך, און ברייט, ווי ווייט אייער אויג קען נור דערזעהן... די שוים, דאָס גערויש און די שטראַהלען פון דער זון, וואָס ווערען געבראָכען אין דעם שטראָם וואַסער און שלאָגען צוריק אָב מיט אַלע קאָליערען פון רעגענבויגען. עס בלאַנקט און בליצט און רוישט אַלץ אַרום... און איהר רייסט אויף די אויגען פול פערוואונדערונג און שרעק, און קוקט און שטוינט, און פערגעסט אַ רגע אָן אייערע געשעפטען, אייערע אַלע זאָרג, אייערע קאָנקורענטען, דיסקאָנטערען און באַנקראָטען; אַלץ איז אַוועקגעפאַלען, אָבגעשווימט דורך אַלע אייערע חושים, רייסט זיך אַריין דער וואַסער-פאַל און טרייבט אייך אַרויס דאָס אַלטע, דאָס וואָכענדיגע...

וואָס? אַ שען בילד?

און פּאָעטען בעזינגען דעם וואַסער-פאַל און דערצעהלען זיינע וואונדער אין שענע, קלינגענדע גראַמען; און די גראַמען אַליין פליגען אויך פערטרייבען דאגת-פּרנסה און דערוועקען אַנדערע געפיהלען... פּאָעזיע!

דאָס געלד, דאָס געשעפט איז אבער ניט געשלאָפען, און אַזוי לאַנג געאַרבייט, ביז עס האָט די „נאַגאַראַ-פּאָעזיע אויך איינגעשלונגען.

אין דער לעצטער צייט ווערט אויך אַסך גערעדט און געשריבען וועגען „נאַגאַראַ“; נאָר נישט אין קלינגענדע גראַמען און נישט מיט אַ זיס טרויעריגען טאָן פון פּאָעזיע. מיט'ן „נאַגאַראַ“, אויפ'ן אָרט פון פּאָעטען, בעשעפטיגען זיך היינט עלעקטראָ-טעכניקער און פיזיקער, און נישט אין גראַמען, נאָר מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולען, מיט צייכנונגען און פערשיעדענע אויסרעכנונגען, נישט מיט קיין זיס-טרויעריגען טאָן, נאָר מיט'ן קאַלטען טאָן פון אַ געשעפטסמאַן, וואָס האָט אויף אַלעס, וואָס ער הערט און זעהט, נור איין פראַגע וויפיעל איז עס ווערט? צו וואָס קאָן עס נוצען? וואָס קאָן מען דערפון פערדיענען?

די וועלט איז אַ גוטע ווירטשאַפט, קיין זאַך, די גרעסטע, ווי די קלענסטע טאָר נישט געהן לאבוד, קיין שטויב און קיין ביסיל קראַפט ברויך נישט פער-פאַלען צו ווערען אָהן נוצען. די קראַפט מיט וועלכער דער נאַגאַראַ פאַלט אַראָב פון דער הויך אין אבגרונד אַריין מוז און דאַרף אונז דיענען! מען מוז עקספּלאָאַטירען אויסנוצען און פערדיענען געלד! גענומען דערצו האָט זיך אַ גרויסער סוחר, דער פעטער „יאַנקע“, אַמעריקאַ הייסט עס. און נאָך נישט זעהר אַ לאַנגען ישוב האָט מען אָנגעהויבען צו מאַכען פון דעם וואַסערפאַל אַ פאַבריק פון עלעקטרישער קראַפט, און איבערצופיהרען די קראַפט מיט דראָטען אין אַלע זייטען אַרום! ווי אַזוי מען טוישט די קראַפט פון וואַסער-פאַל אויף עלעקטריציטעט, און ווי אַזוי מען צושיקט זי מיט דראָטען איבער דער וועלט, איז נישט דאָ דאָס אָרט דאָס פּונקטליך צו ערקלעהרען. אַזוי פיעל זענען מיר שוין אבער געוואָהר געוואָרען, אַז די נאַגאַראַ איז געוואָרען אויס יום-טוב'דיג, אויס פּאָעזיע, — נאַגאַראַ איז היינט אַ געשעפט און אַ גוט געשעפט! נאַגאַראַ קלינגט שוין היינט נישט מיט גראַמען, נאָר מיט מטבעות!

* * *

אַז די לופט, וואָס נעמט אַרום אונזער ערד פון אַלע זייטען, האָט אַ ממשות, איז אַ זאַך אַ קערפּער — האָבען אונזערע זיידעס נישט געוואוסט. און נישט נור אונזערע זיידעס האָבען דערפון נישט געוואוסט, נאָר איהר וועט נאָך היינט טרעפען צווישען פּראָסטען עולם מענשען וואָס וועלען אייך אָנקוקען ווי משוגע, אַז איהר וועט זיי זאָגען, אַז דער רוים, דורך וועלכען זיי קוקען מיט די אויגען אַזוי פריי, אַזוי אונגעשטערט, איז לגמרי נישט קיין לעערער, ווי זיי מיינען, נאָר ער איז אָנגעפולט דורך און דורך מיט אַ ממשות, מיט אַ מאַסע, וואָס קען ווערען געוואויגען און געמאָסטען. אַז לופט איז אַ קערפּער

נאר אזא קלארער און דורכזיכטיגער, אז מען קוקט דורך און מען זעהט אלץ, חוץ דער לופט אליין. די נישט־וויסענדיגע מענשען ווערען, גאט זיי דאנק, וואס אמאל וויינינער, און פון „לופט“ ווייסט מען וואס אמאל מעהר. געלעהרטע האבען בעוויזען, אז די לופט בעשטעהט דערהויפט פון צוויי פערשיעדענארטיגע טהיילען, פון צוויי שטאפען, וואס רופען זיך „שטיקשטאף“ און „זויערשטאף“, אויסער אנדערע שטאפען, וואס געפינען זיך אין דער לופט אין זעהר א גערינגע צאהל. צי איז אבער די לופט א געשעפט? צי האט זי א ווערט? געמיינט האט מען, אז נור פאר מענשען אין תפיסות... היינט ווייסט מען שוין, אז מען קען פון לופט אויך מאכען געלד! אז מען האט געקאנט בעצווינגען די ערד, מאכען פון איהר איין אייגענטהום, צונעמען און טהיילען זיך מיט איהר — פאר וואס זאל עס נישט געראטען מיט דער לופט?

און אט האט מען אין דער לעצטער צייט זיך אנגעהויבען שטארק צו בעשעפטיגען און צו קלערען, ווי אזוי צו עקספלאאטירען די צוויי הויפטשטאפען פון אונזער לופט, מען האט געפרופט, געמאכט פערשיעדענע נסיונות, און ווי עס ווייזט אויס, נישט אומזיסט, עס וועט געראטען.

פאר אסך פון אונזערע לעזער וועט נישט איבריג זיין צו ערקלערען, אז פערבינדונגען זענען פאראן צווייערליי: א חעמישע און פהיזישע. געוועהנליך, אדער פהיזיש פערבינדען קאנט איהר כמעט אליין; איהר קאנט, למשל, צושטויסען אייזען און קאלך און אויסמישען. נאר אין אמת אריין האבען זיך די צוויי שטאפען נישט פערבונדען, זיי האבען זיך נישט בעהעפט איינער אין דעם אנדערען; זיי ליעגען נור נאהענט איינער נעבען אנדערען און נישט מעהר, — עס איז געבליבען וואס עס איז געוועזען: אייזען און קאלך. א העמישע פערבינדונג אדער צוזאמענזעצונג איז שוין עפּיס אנדערש; דא זענען זיך צוויי שטאפען צוזאמענגעקומען, זיי האבען זיך אויסגעמישט, און די מישונג איז שוין א דריטער א נייער שטאף, נישט דער ערשטער, נישט דער צווייטער, נאר ביידע צוזאמען. עס איז אונז עפּיס געבוירען געווארען, עפּיס, וואס זעהט שוין גאר אנדערש אויס, האט איין אנדערע פארב, אנדערע קאליר און איין אנדערען געשמאק, — גאר אנדערע אייגענשאפטען; זיי ברויכען א געוויסען גראד ווארימקייט, יעדע פערבינדונג ברויך איהר טעמפעראטור.

דער זויערשטאף, און שטיקשטאף, וואס געפינען זיך אין דער לופט, זענען ניט חעמיש פערבונדען, נאר פהיזיש, ד. ה. איינפאך אויסגעמישט. ביי א געוויסער טעמפעראטור אבער קאן מען די צוויי שטאפען אין פערשיעדענע פראצענטער העמיש פערבינדען, און מיר וועלען בעקומען פון זיי א נייעס, צוזאמענגעזעצטען שטאף, וואס מיר וועלען אנרופען „שטיק־זיירע“. דער לעצטער שטאף ווערט געברויכט אין די מאסען צו פערשיעדענע פאבריקאציאנען פון שטאפען און פארבען. ביז אהער האט מען דעם שטיק־זיירע ארויסבעקומען פון פערשיעדענע זאלצען אין די גרובען פון צשילי און פערו (אין אמעריקא); דער שטאף געפינט זיך אבער אין די זאלצען צו ווייניג, און די בעדערפעניש אין איהם איז צו גרויס מען האט אויסגערעכענט, אז נאך 30 אמהעכסטענס נאך 50 יאהר וועט ער אין גאנצען אויסגעהן, אויב מען וועט איהם ערגיץ אנדערש ניט געפינען. האט מען טאקי אנגעהויבען צו פרופען, צי מען קען נישט אזוי דערהיצען די לופט, עס זאל ווערען צווישען זיינע ביידע הויפטשטאפען א חעמישע פערבינדונג, עס זאל ארויס די „שטיק־זיירע“, דער שטאף, וואס לוינט צום געשעפט.

דערהיצען די לופט וויל מען אויף דעמזעלבען אופן ווי מען צינדט אן א פייער. ביי יעדען ברענען (וואס קאן דעריבער אהן לופט נישט געשעהן) קומט פאר א חעמישע פערבינדונג פון ברענענדיגען מאטעריאל מיט דער זיירע פון דער לופט. מיר צינדען געוועהנליך אן א העלציל, דאס העלציל ברענט, דערווארעמט דאס נאהענטע האלץ אויף אזוי פיעל, אז עס זאל קאנען זיך אנצינדען און ווייטער ברענען; דאס צווייטע דערווארעמט א דריטעס און אזוי ווייטער. מיט דער לופט וויל מען אויך דאס זעלבע מאכען: מען וויל דערהיצען א טהייל לופט אויף אזוי פיעל, אז זי זאל אנהויבען צו ברענען, ד. ה. דער שטיקשטאף מיט'ן זויערשטאף זאלען זיך חעמיש פערבינדען, און ברענענדיג זאלען זיי דערהיצען די ווייטערע לופט.

אזיף אזא אופן וועלען מיר קאנען האבען א פערזיכערטע אייבינגע גרוכע פון שטיק־זיירע אין דער לופט. אין אמעריקא בעשעפטיגען זיך דערמיט שוין פיעל געלעהרטע, און אין קורצען וועט ווערען א „לופט געשעפט“, גאר מיט פרנסה.

חוץ צו פארבען און פאבריקאציאנען וועט נאך די שטיק־זיירע נוצען צו מיסטען פעלדער, מען וועט פערשפארען אנדערע קינסטליכע מיטלען, און מען וועט זיין אסעקורירט, אז אונזער אלטע מוטער ערד וועט קיינמאל איהרע כחות נישט פערליערען און קיין עקרה נישט בלייבען.

נאר ווי אזוי וועט מען זיכער זיין, אז די שרפה אין דער לופט צוליעב דער שטיק־זיירע וועט זיך נישט פערשפרייטען אין דער גאנצער לופט ארום דער ערד און עס וועט ווערען פון אלעם א סוף? פון דעם וועלען מיר נאך האבען געלעגענהייט צו רעדען. N.

---

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

בריעף און מאמרים ווי האלץ... פון פערשיעדענע דאטען, פון גאנץ תפוצות ישראל, נאר די פאקטען צושיטען זיך ווי זאמד, קלעפען זיך נישט און האלטען זיך נישט צוזאמען, און עס טריקענט מיר דער מה קלערענדיג: אויף וואס פאר א פאדים בינד איך אויף די פערל? איך זייך און קלער, און די ברעמען פאלען מיר שווער איבער די מידע אויגען, איך שלאף איין, און עס קומט אויף מיר א חלום, וואס לאכט אויס ארט און צייט און בינדט צוזאמען נאהנט און ווייט, און ווייטערס... און עפּיס טראגט מיך אין חלום אויף און אב איבער טהאל און בערג, איבער טעג, וואכען און חדשים...

אט בין איך אין באזעל אויף א קאנגרעס, צוזאמענגעפאהרען זיך א סנהדרין מארבע פנות העולם, נאר דאס יודעלע פון יענער זייט סמבטיון פעהלט, און עס איז א שקלא וטריא: וואס איז אזוינס ציוניזם? און מען שפארט און אמפערט זיך, און מען רעדט אין אלערליי לשונות, מיט אלערליי מינים פון העויות און תנועות, ביז מען מאכט יד אחת אין מען ענפערט: „ציוניזם איז די אידעע, צו שאפען פאר'ן יודישען פאלק איין עפענטליך־רעכטליך־געזיכערטע היים אין פאלעסטינא...“

און איך פרעג מיך: וועט עמ'ין זיין דאגען? און איך ענפער מיר: א מאסע, ערשטענס, די אלע, וואס קענען קיין נייע אידעען נישט ליידען, וואס קענען שוין קיין נייע אידעען נישט פערטראגען. אפילו נישט קיין אלטע אידעען נאר מיט א ניי פנים... אויך די, וואס וועלען

נישט לאָזען „חאַפּען פיש פאַר דער נעץ“ און — פאַר דער צייט, בִּפְרַט — אָהן אַ רֶמֶז אין זוֹהַר, אָהן אַ גמטרי"א אין „רְזִיאֵל הַמַּלְאָךְ“ און מיט אַ קאָנקורענץ פאַר די הייליגע און גוטע יודען, וואָס האָבען זיך שוין לאַנג אונטערגענומען דעם פאָדריאַד אַראָבצוברענגען משיח'ן און צו בעפרייען די כְּנֶסֶת־יִשְׂרָאֵל פון לאַנג „וְהוּא רַחוּם“...

מאַנכע וועלען פערציטערט ווערען. דאָס זענען די, וואָס דאָס וואָרט: „דאָס יודישע פאָלק“ וואַרפט זיי אין זיבענטען שוויים אַריין!

פון ווייטענס וועלען זיך אפשר האַלטען אויך די, וואָס ווילען נישט אויפהענגען אַלע יודישע געשעפטען ווי איין אַברייס־קאַלענדאַר אויף איין נאָגעל אַן דער וואַנד!

— וויפיעל דאַרף קאָסטען אַ טשאַרטער? — הער איך פרעגט דערווייל אַ סוֹחר'ישע נשמה.

— 25 מיליאָנען רובל! — ענטפערט אַ ציוניסטישער בֶּן־בַּיִת.

— אוה! — דערשרעקט זיך יענער.

— נישט פאַרהאַן קיין אָרים פאָלק! — ענטפערט דער בן־בית — — —

מֵהֵיכָא תֵּיתָא, טראַכט איך. נישט קוקענדיג אויף די העכסטע אידעאַלען, וואָס אַ זינדיגער בָּשָׂר וָדָם קען האָבען, האָט דאָס יודישע פאָלק דאָסזעלבע רעכט צו' וועלען, וואָס אַלע ווילען און האָבען. און כל זמן אַלע פעלקער האָבען זייער אייגענס, אָבגעזונדערטע, אָבגענגרע־ניצטע לענדער, מעג די כנסת ישראל אויך גליסטען צו אַ פערזיכערטער, עפענטליך־רעכטליך פערזיכערטער היים... מיינע 40 קאָפּ. אויף אַ שֶׁקֶל און עטליכע רובל אויף איין אקציע וועל איך נישט קאַרגען... און איך חַזֵר מיר איבער: איין עפענטליך רעכטליך פערזיכערטע היים... נאָר עפּיס אַ שֵׁכֵן הויבט זיך אויף און רוימט מיר איין: וואַרט, עס איז נישט אַזוי פּראָסט, ווי מען זאָגט! דאָ אין אויסלאַנד האָט דער דייטש צו שאַפען: דער דייטש איז בטבע אַ פַּשְׁטָן, וואָס ער זאָגט, דאָס מיינט ער... לאָמיר נור אַהיים קומען!.. עס איז אַ טיעפע סוגיא, אַ שווערע סוּגְיָא, אַ פִּלְפּוּל און אַ פּרד"ס און אַ שטיק הַשְׂכָּלָה און עקאָנאָמיקאַ... וועסט זעהן!"

איך וויל מיך אומקוקען, ווער עס זאָגט, בעסער זיך איינהערען אין וואָס מען זאָגט, נאָר דער רוּח האָט מיך שוין אַוועקגעשלעפּט איבער־טהאָל און בערג קיין מינסק, אויך אויף איין אסיפה, נאָר אָהן דייטשען...

---

דער גרויסער עולם שלאָפט אפשר נישט, נאָר דרימלען, דרימעלט ער. קיין פריי, אָפען אויג פאַר אַ מיליאָן... עמיץ שמייכעלט ווי פון חלום, מן הסתם זעהט ער אַ פולע באַנק מיט גאַנצע 25 מיליאָן: אַ צווייטער בייסט די ליפען, אפשר איז איהם אַ שאָד אַזוי פיעל געלד פאַר אַ פּאַפּירענעם טשאַרטער... און אויף דער בימה שטעהט איינער מיט פייערדיגע אויגען און רעדט:

— דער ציוניזם שטעהט צו צום פאָלק און וויל געלד! דער ציוניזם וויל נור נ ע ה מ ע ן, אָבער וואָס ג י ט ער? וואָס וויל ער ג ע ב ע ן, דער ציוניזם?

און איך מיין, אַז איך האָב אַ קלאָרע תשובה אויף דער שאלה: דער ציוניזם וויל געבען אַ לאַנד, ארץ ישראל וויל ער געבען... ער וויל ע ר ד פאַר'ן פאָלק, ערד צום אַקערן, זייען און שניידען... דער רעדנער אָבער ווייסט אַ פּנים בעסער.

— דער ציוניזם — זאָגט ער — מוז שוין אָנהויבען צו געבען, באַלד און דאָ!

און אין נאָמען פון ציוניזם שיט ער ווי פון אַ פאָס אַרויס טהייערע מתנות פאַר'ן פאָלק: ארטעלען, חברות, פערדיענסטען, וואָס איהר ווילט, און דער עולם, הערענדיג פון מתנות, וועקט זיך אַ ביסיל ...ויף און עס הערט זיך אַ גערופעריי: וועניג, וועניג!

איינער וויל נאָך: קאַטעדרעס פאַר מלמדים, אַ צווייטער איין אוּ־ניווערזיטעט אין דער שווייץ אָדער אין ארץ ישראל, אַ דריטער מעטאָ־דען צו לערנען עברית בעברית — און עס ווערט א געשריי: קולטור! קולטור!

און צווייערליי קולטור!...

און דער וואָס טראָגט מיך, פערטייטשט מיר: ציוניזם איז אייגענט־ליך אַ הוהן. נאָר, אַז עס וועלען איהר אויפוואַקסען גאָלדענע פלינעל פאַר 25 מיליאָן, וועט זי ווערען איין אָדלער און אַוועקפליהען ווייט, ווייט צום לְבָנוֹן, צום הַר־הַבַּיִת... דערווייל זיצט זי אויף איין אָרט, און יעדער קומט און לעגט איהר אונטער אויסצוואַרימען איין אַנדער איי... קולטור־אייער, עקאָנאָמישע־אייער, עברית־בעברית־אייער... און וואָס זאָל זי נעביך טהון, די הוהן? זי וואַרימט...

— און אַלע אייער האָבען אין זיך ל ע ב ע ן?

— ניין... אַ סך וואַנד־געריבענע אייער... עקרות — — —

און ער טראָגט מיך ווייטער אַוועק...

---

און דער רוּח חאַפּט מיך ווייטער און פערטראָגט מיך קיין ראַדאָם... אַ סטודענט איז אַראָבגעקומען, אַ יונגער סטודענט, מילך און בלוט, און ער האַלט אַ רעדע, פאַר אַ קליינעם, נאָר אַ פיינעם עולם...

ציוניזם — רופט ער — איז נישט קיין 25 מיליאָן, מיר זענען צו ע ר ה אָ ב ע ן, מיר פליהען צו הויך, מיר זאָלען זיך אַראָבלאָזען און גראָבלען אין פרעמדע קעשענעס, אַרויסצוקריגען קליין־געלר... ציוניזם איז נישט קיין טשאַרטער — פּאָליטיק לאָזען מיר פאַר אַנדערע, פאַר „דייטשע יודען“, וואָס זענען נישט קלאָר אין אונזער לעבען, וואָס זייער אויסגעקיהלט האַרץ ברענט נישט מיט אונזער רוסיש־פּויליש־יודישען פייער און פלאַם! ציוניזם איז דערווייל אויך נישט ארץ ישראל, וואָרום גיט אונז היינט פּאַלעסטינאַ, צי קענען מיר זי נעהמען? האָבען מיר אַ פריי קולטיווירט פאָלק? קען אונזער פאָלק אַרבייטען? ציוניזם איז — קולטור... קולטור... און ווייטער קולטור...

— הידד!

איך עפען אַ מויל מיטצושרייען, נאָר דער רוּח האָט מיך שוין גע־האַפּט און טראָגט מיך ווייטער...

וואו בין איך?

דאַכט זיך, אין קאָוונאַ, אין דער שטאָדט פון יְשִׁיבָה־בַּחוּרִים, מוסר'ניקעס און אַנדערע זיעבען זאַכען, אויף איין אסיפה פון „שְׁלוֹם־צִיוֹן“ און אפשר גאָר אין באָברויסק אויף איין אסיפה פון „שַׁעֲרֵי צִיוֹן!“

פערזאַמעלט זענען הונדערטער, הונדערטער מענשען, און מענשען מיט'ן פולען מויל, אֱמֶת'ע יודען, מִזְרָחִי־יודען... יודען מיט בייכער, יודען מיט גראָהע און מיט ווייסע בערד, יודען מיט לאַנגע ברעמען, בייזע פּנים'ער — אפילו ר י י כ ע יודען!

—שאַ! שאַ! די תִּקְנוֹת!

און מען לייענט תקנות— —

היות, ווי מען וויל אונז היינט אָבגעבען ארץ ישראל, ערלויבען פראַנק און פריי מקיים צו זיין אַלע מצוות התלויות בארץ, עס זאָל שוין

אפילו זיין א בית המקדש, שטעהען א מזבח. עס זאלען אפילו גרייט זיין קעלבער אויף קרבנות, זענען מיר נאך נישט פארטי'ג וועט דער עולם נישט וויסען, ווי אזוי מען דערנעהנט א קרבן, וואס פאר א קרבן, ווען קומט א קרבן, ווען די כהנים דארפען געהן תרומה עסען, ווי אזוי מען איז זיך נוהג מיט א סוטה... עס וועט נישט זיין קיין מיראווא סודיא און קיין פ'אדעקס, און קיינער וועט נישט קענען קיין דין תורה פסק'נען... עס וועלען זיין פעלדער און וויינגארטענס און דעם דין פון שמיטה און יובל וועט מען נישט וויסען, על כן האבען מיר מתקן געוועזן א חברה ש"ס פאר בעלי-בתים, א חברה „חומש מיט רש"י" פאר'ן המון עם... היינט, שבת בראשית, איז געוועזן א התחלה, דער סיום וועט זיין אם ירצה השם, אויפ'ן הר הבית — — —

—אמן! אמן!

און איך וויל אויך עפענען און שרייען, זאל זיין „הידד", זאל זיי „אמן", נאר דער רוח האט א פנים קיין צייט נישט, ביי די האר שלעפט ער מיך, איבער טהאל און בערג, איבער אבנעלענעגע וועגען —

שא: עס פויקט! שא, עס טראמייטערט! פון אונטער א בארג ווייזט זיך א פאהן... מיט גאלדענע גרויסע איתיות: דגל מחנה יהודה! די פויק פויקט, דער טראמייטער טראמייטערט, און נאך דער פאהן געהט א מחנה גבורים: מגן־דוד'ס אויף די ברוסטען, נעז ביי די מיילער, — אונטער זייערע פיס ציטערט די ערד... אויף די שפיצען פון די פיקעס ציטערט דער בליץ— —

— וואוהין געהט איהר גבורים? איינגעהמען ארץ ישראל? עס פעהלט געלד צו קויפען?

— איינגעהמען די קהלות! — ענטפערן די גבורים און מארשירען ווייטער... און ווערען פערשוואונדען אין א גאלדענעם שטויב...

און איך בעט מיך ביים רוח, וואס טראגט מיך ארום: איך בין דיר מוחל די גבורים, וואס געהען איינגעהמען די קהלות, די מתנות, מיט וועלכע מען וויל מיך בעשיטען אין גלות, איך בין דיר מוחל די חברה ש"ס מיט דער קולטור צוזאמען, ווייז מיר די ישטילע ארבייטער, די אמת'ע שטילע מענשען, וואס האבען כח אויסצוהאלטען ביי דער גראהער שטילער ארבייט, וואס פויקען נישט, טראמייטערן נישט, האלטען קיין רעדען נישט, אמפערן זיך נישט איבער הארט קלינגענדע איזמען — ווייז מיר די, וואס קלויבען געלד, וואס זאמלען די ארימע גראשען פאר'ן נאציאנאל-פאנד, פאר דער קאלאניאל-באנק, ציוניסטען צי נישט ציוניסטען.

ער הערט מיך אבער נישט, און ווערט אפשר נאך בייז, און לאזט מיך אראב אין א קאלטער, פייכטער ווינטערנאכט אין ערגיץ א גרויסשטעדטישען מארק...

אין מיטען מארק האט עמיץ, א פנים פאר רחמנות, אנגעלעגט א ביסיל האלץ און אונטערגעצונדען— —

און דער עולם פון די ארומיגע הייזער לויפט ארויס צום פייער זיך דערוואַרימען —

טהייל ברענגען זיך מיט קארטאפעל און בראטען, טהייל קלאגען זיך, פאר וואס דער, וואס גיט פייער, גיט קיין קארטאפעל נישט... אנדערע וואַרימען זיך די הענד און לייענען קריאת־שמע, נאך אנדערע זאגען תהלים... איין אבגעריסענער משכיל לייענט בערנפעלדס „דעת אלהים", א סטודענט לערנט זיך העמיע, אנדערע שאקלען זיך גלאט... טהייל דערצעהלען זיך מעשיות...

און דאס האלץ ברענט און וועט זיך אויסברענען...

און איינער רופט צום צווייטען: בעריל, ברענג א ביסיל האלץ שמעריל, ברענג א ביסיל האלץ, יוסל—א ביסיל האלץ...

נאר זעלטען עמיץ זאל ברענגען...

מען וואַרימט זיך, מען דאווינט, מען לערנט, מען דערצעהלט מעשיות, מען בראט אפילו קארטאפעל, מען שאקעלט זיך גלאט אזוי, און האלץ וויל קיינער נישט ברענגען...

די ביהן.

---

# די יודישע וועלט.

## געזעצען און משפטים.

— די „וואסטאצנאע אבאז" איז מודיע, אז לויט די לעצטע ערקלערונגען פון סענאט, וועלכע שטימען נישט איין מיט די פריהערדיגע געזעצען, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען נאך פאר קייזער אלעקסאנדער דעם צווייטען, מעגען די סיבירער יודען וואהנען נור אין דעם ארט, וואו זיי זענען צוגעשריעבען, אבער נישט אין אנדערע ערטער אין סיביר, זיי טארען נישט ארויספאהרען פון איין אויעזד אין אנדערען, ווייל איבערבייטענדיג דעם ארט פערלירען זיי דאס רעכט צו וואהנען אין סיביר. די אדמיניסטראציאן האט איצט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל יודען נישט געבען קיין פעסער.

— דער בעריהמטער עקאנאמיסט אנאטאל לערוא־באליע האט געשריבען פאלגענדען בריעף צום פאריזער Archives Israelites.

6 נאוועמבער 1902.

„ערלויבט מיר פארצולעגען אייערע לעזער איינגע בעטראכטונגען וועגען די רומענישע יודען.

ווי עס ווייזט אויס, וועלען די מלוכות, וועלכע האבען אונטערגעשריבען דעם בערלינער טראקטאט, נישט וועלען מסכים זיין צו דערמאהנען רומעניען אז זי זאל ערפילען איהרע התחייבות בנוגע צו יודען. די איינציגע זאך, אויף וועלכע מען קען רעכנען, אז די מלוכות זאלען יא טהון פאר די יודען, איז — אז זיי זאלען מאכען איין אספה צו בעקלערען די לאגע אין מזרח.

איך רעכען, ווי איך האב שוין געשריבען אין L'Européen, אז די וואקסענדע אונרוהען אין מאקעדאניען און ארמעניען וועלען אזא אספה מאכען פאר נויטהיג.

די אספה וועגען די ענינים אין מזרח וועט זיך נאטירליך שטעלען אלס צוועק צו זעהען, אז די ההלטות פון בערלינער טראקטאט, וועלכע זענען אנגענומען געווארען אין 1878-סטען יאהר, זאלען ווערען ערפילט. דאס איז דאס איינציגע מיטעל צו ברייגגען שלום אין די אייראפעאישע און אזיאטישע פראווינצען פון טערקיי און אויך צו פערהיטען אייראפא פון א מלחמה אין מזרח.

אבער די מלוכות וועלען נישט קענען פערלאנגען פון טערקיי, אז זי זאל מקיים זיין דעם בערלינער טראקטאט, נישט פערלאנגענדיג דאסזעלבע אויך פון רומעניען.

איך האלט דעריבער, אז אלע בעדריקטע אין די מזרח-לענדער, סיי יודען, סיי קריסטען און מאחמעדאנער, זענען פעראינטערעסירט אין איין אייראפעאישען קאנגרעס, וועלכער זאל בעענדיגען דאס ווערק, וואס מען האט אנגעהויבען אין בערלין, און איינשטעלען שלום אין מזרח דורך דעם נצחון פון ענשליכקייט און גערעכטיגקייט. לויט מיין מיינונג איז דאס, דאס איינציגע ממיטעל צו רעטען די אומגליקליכע רומענישע יודען".

*

## בילדונג.

— נישט לאנג איז געעפענט געווארען אין אדעס א ביבליאטהעק און לעזעהאלע ביי דער אבטהיילונג פון דער חברה צו פערברייטען בילדונג צווישען יודען. צום 1-טען אקטאבער האט די ביבליאטהעק געהאט 310 אבאנענטען, פון וועלכע 190 זענען געוועזן אומזיסטיגע. יעדען טאג בעזוכען די לעזעהאלע בערך 33 מענשען, נדבות זענען אריינגעקומען מעהר ווי 300 רובעל און 500 ביכער.

*

## יודישע קהלות.

— די מעבעל-הענדלער אין יעקאטערינאסלאוו האבען אבגעמאכט צווישען זיך נישט צו האנדלען אים שבת. ווער עס וועט האנדלען אים שבת, וועט מוזען צאהלען שטראף 10 רובעל.

— די „פעטערבורג' וויעד" האט געדרוקט איין ארטיקעל וועגען דער קאראבקע אין פאדאליען, פון וועלכען מיר נעהמען ארויס די דאזיגע שטעלע:

דער קאראבקער אבצאהל איז בעשטימט אויף יודישע בעדערפֿעניסען. אין גזוציץ שטעהט בפירוש: דאס קאראבקע-געלד ווערט בענוצט נור אויף אזעלכע זאכען, וועלכע בעלאנגען יודען, און קריסטען וועלכע וואהנען מיט זיי צוזאמען, דארפֿען נישט הנאה האבען פֿון דעם אבצאהל און באמת איז אויסגע-רעכענט אין געזעץ א גאנצע שורה פֿון הוצאות אויף יודישע בעדערפֿנישען, וועלכע דארפֿען ווערען גענומען פֿון דער קאראבקא. אבער פֿון דער פּראַקטיק זעהען מיר, אז די יודישע בעדערפֿנישען פֿערנעהמען נישט דעם ערשטען פּלאַץ פֿון די 12 קאראבקע-אטקופען אין קאמענעצער אויעזד האט מען אבגענומען 28,000 רובעל, פֿון זיי האט מען נור 12,000 ר' אויסגעגעבען אויף אמת יו-דישע בעדערפֿענישען, ווי אויסהאלטונג פֿון יודישע שפיטאלען, שולען, היילען קראנקע, שטיצע דער דומע אויף פֿיהרען די יודישע ביכער. די איבעריגע 10,000 רובעל ווערען אויסגעגעבען אויף בעלייכטונג, פֿייערוועהר, ברוקערען די גאסען א. ז. וו.

אין דעמזעלביגען שטאנד געפֿינען זיך אויך די רעשטען פֿון קאראבקע-געלד. אויף אזא אופן ווערט דאס קאראבקע-געלד בענוצט אויף זאכען, וועלכע האבען נישט קיין שום שייכות מיט זיין ריכטיגען צוועק, און די יודען מוזען אויסהאלטען אויך די בעדערפֿנישען פֿון דער קריסטליכער בעפֿעלקערונג. עס איז איבריג צו בעווייזען, אז אזא סדר פֿון ארויפֿלעגען אבצאהלען איז נישט ריכטיג. די אלע הוצאות אויף מאכען ארדנונג אין די שטעדטליך דארפֿען ווע-רען גענומען פֿון דער אלגעמיינער קאסע און נישט פֿון א ספעציעל-יודישער.

*

## חברות.

— די יעקאטערינאסלאווער חברה פֿון יודישע פריקאשטשיקעס האט בעשלאסען צו גרינדען אין יעקאטערינאסלאוו איין האנדעל-שולע און זיך גע-וואלט פֿעראייניגען צו דעם צוועק מיט דער חברה פֿון קריסטליכע פריקאשטשי-קעס. די לעצטע האט אבער זיך אבגעזאגט צוצושטעהן צו דער יודישער חברה און דערום וועט די יודישע חברה זיך ווענדען מיט א ביטע צום מיניסטעריום אז מען זאל איהר ערלויבען גרינדען א שולע פֿאר בלויז יודען.

— „דער יוד" און דער „יודישער עקספרעס" האבען אבגעדרוקט דעם באלאנס פֿון דער חברה יק"א, וועלכער ווערט געהאלטען בסוד. דער „דזשואיש קראניקל" האט געשריבען, אז דער באלאנס איז נישט ריכטיג; דער „עקספרעס" האט דערויף געענטפֿערט, אז אויב דער קאמיטעט פֿון יק"א וועט אבלייקענען דעם באלאנס, איז ער גרייט צו געבען א געוויסע סומע אויף א צדקה-זאך. דערווייל האט קיינער נישט אבגעלייקענט דעם באלאנס און דערום ווערט ער אומעטום געהאלטען פֿאר ריכטיג. איינינע מיטגליעדער פֿון יק"א הויבען אליין אן איינצוזעהן, אז די ארבייט פֿון דעם פאריזער קאמיטעט ווערט געפֿיהרט ניט ווי עס דארף צו זיין. איינער פֿון די אונצופֿרידענע, דר. לאכמאן, דער פֿאר-שטעהער פֿון דער בערלינער געמיינדע אין קאמיטעט פֿון יק"א האט זיך אבגע-זאגט פֿון זיין שטעלע. און עס איז צו ערווארטען, אז נאך אנדערע מיטגליעדער פֿון קאמיטעט זאלען זיך איצט אבזאגען.

*

## פערשידענעס.

— דעם „דזואיש קראניקל" איז מען מודיע אויס ירושלים, אז דער מאנגעל פֿון עסענווארג וואכסט פֿון טאג צו טאג, ווייל די שטאדט איז אבגעשלאסען ארום און ארום. די חאלערא איז שטארק פֿערברייטעט אין גאזא און לידדא. אין גאזא וועלכע האט 17,000 איינוואהנער שטארבען יעדען טאג פֿון 50 ביז 60 מאן; אין לידדא איז די לאגע נאך ערגער. אין יפו הערשט א גרויסער שרעק, הגם עס זענען דארט געוועזען נור וועניג קראנקהייטס-פֿעלע. אין דער סביבה פֿון חברון זענען אויך פֿאראן צייכענס פֿון דער עפּי-דעמיע. עס איז צו האפֿען אז די קראנקהייט וועט נישט איינדרינגען קיין ירושלים, ווייל די וויטערונג האט זיך פֿערבעסערט און עס איז געפֿאלען דער ערשטער רעגען, הגם נישט אין גענוגענדער מאס.

די איצטיגע צייט איז באמת א געזונדע און די קראנקהייטען קומען מעהר פֿון שרעק און פּראוויזיאן-מאנגעל וועלכע עס האבען גורם געווען די קאראנטין-מיטלען.

— דער „דזואיש קראניקל" איז מודיע, אז אויפֿ'ן באנקעט וועלכען עס האט געמאכט דער נייער לאנדאנער לארד-מער סאמועל איז נישט פֿערבעטען געווארען דער רומענישער געזאנדטער. דער לארד-מער וויל דאדורך אויסדריקען זיין מיסאכטונג דער רומענישער רעגירונג, וועלכע רודפֿ'ט יודען.

— אויס נוי-יארק איז מען מודיע דעם „דזואיש קראניקל" אז די ציוניס-טישע פֿעראיינען אין אמעריקא ארבייטען זעהר פֿיעל, זייט ד ע"ה אז איז גע-ווארען סעקרעטער פֿון דער אמעריקאנער ציוניסטישע פֿעראייניגונג. ער האט דורכגעפֿיהרט אז דער $^{9}/_{11}$ זאל זיין בעשטימט אלס אלגעמיינער שקל טאג אין וועלכען עס וועלען אומעטום געהאלטען ווערען פֿערזאמלונגען און געזאמעלט ווערען שקלים. אין ניו-יארק ווערט געבילדעט א ציוניסטישע מיליטער-בריגאדע. אזעלכע בריגאדען עקזיסטירען שוין 6 אין די וועסט-שטאאטען.

## דער נדבן.

(ענדע)

מיין ווייב איז דאך קראנק, פֿרעגט ער קודם כל וואס זי מאכט, און אז ער הערט, אז עס איז נישט בעסער, קרעכצט ער: אליץ ווייל מען וויל'ן נישט פֿאלגען! זיינס א לייבליכע מוהמע — ליגט שוין לאנג וואו מען דארף — האט אויך אזוי געקריינקט, און קיין זאך האט נישט געהאלפֿען, נור א גרין פֿלעשיל, מען דארף בעשטעלען אין דער אפטייק א גרין פֿלעשיל! ווארום, וואו דער דאקטאר, וואס האט איהר פֿערשריבען דאס גרינע פֿלעשיל וואהנט היינט, ווייסט ער נישט, און אפשר איז ער שוין אויך, וואו מען דארף... נאר דער אפטייקער וועט וויסען; ער איז דאך יענעם אפטייקערס א זוהן, וועט ער געפֿינען אין די כתבים...

דאס איז דאס עסק, וואס ער האט צו מיר.

איך וויל געהן דאווענען, נעם דעם טלית-זאק, ווערט ער מלא שמחה, וואס אזא יוד א גביר ווי איך בין, היט זיין קריאת-שמע, און לאזט נישט קהל זאל אויפ'ן ווארטען.. איך מעג געהן — זאגט ער — נאר ער וועט זיך דערווייל א ביסיל צולעגען אויף דער סאפע. די ארורה זיינע האט'ן א גאנצע נאכט געשאלטען; פֿאר וואס ווייס ער אליין נישט, נאר קיין אויג האט זי איהם נישט געלאזט צומאכען; ערשט פֿאר טאג, אז זי האט געחאפט צו איהם א פֿלאש, איז ער ארויסגעשפרונגען פֿין בעט און איז אנטלאפֿען. איז ער שוין געוועזען ביי שמעריל האנינמאכער, ביי יוסל ווייצענזאגג אין נאך — נאר ביי דעם איז צופֿיעל קינדער, א מהומה אין שטוב; ביי יענעם איז היינט א וועש איז מעהר מהומה, און ווייצענזאגג'ס צניעה קענסט דו דאך! די הינר מעגען זי ארומשלעפען, אויסציהען זיך לאזט זי נישט. כ'פֿער-פֿלעק איהר, זאגט זי, די סאפע —

— ימח שמה, זאגט ער,' און איב עס איז מיר א שאד די סאפֿע, וועט ער זיך זעצען אויף מיין פֿאטער שטוהל, א מחיה פֿון א שטוהל.

אנטלויף איך; וואס זאל איך טהון?
אויף דער שוועל שלאג איך מיך אן עמיצען אן.
וואס איז? ווייטער א טובה, אבער א מצוה, א מצוה גדולה!
מיין שניידער איז עס!

קומען, חלילה, קימט איהם נישט ביי מיר. איך צאהל תוך כדי דבור! נאר דאס ווייב האט א צווילינג געהאט, איינס איז אפילו באלד אוועק, נאר ביים צווייטען וועט זיין א ברית, בעט ער מיך אויף סנדקאות — מהיכי תיתא. נאר דאס ווייב האט דערווייל היץ, די באבע וויל א דאקטאר, האטש א רופא מיט א רעצעפט, און ער איז אהן א גראשען, וויל ער ווייטער פֿאראויס א פאר רובל...

ס'איז טאקי מיין שניידער, און א גוטער שניידער, נאר דאס פנים איז שוין פֿון א קבצן! דער קבצן קוקט איהם פֿון די אויגען ארויס, פֿון אונטער דער קאפאטע אפֿער, פֿון אויס די ארביל רייסט ער זיך! א צווילינג נאך! ביי איינעם א לויה, ביים צווייטען א ברית, און די קינפעטארען מיט היץ — א פֿערלוירענער מענש. שענק איך בעסער א רובל, איבער מיין שוועל זאל ער שוין מעהר נישט איבער-טרעטען, מעהר צו נייען גיב איך איהם נישט..

ער הערט נישט וואס איך רעד צו איהם, חאפט דעם רובל און אנטלויפט און איך געה אין בית המדרש אריין...

אין בית המדרש אריין מוז מען נעהן דורכ'ן מארק.

דורכפאַסירען דעם מאַרק איז אויך נישט פֿון די גוטע זאַכען.

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זונטאג, צי אַזוי ווייערס אַ יום־טוב, גראַד ליעב צו געהען דורכ'ן מאַרק. דעמאלט איז דער מאַרק לעבענדיג, ריהריוודיג, רויטע פּאטשיילים, רויטע קרעלען, רויטע סטענגים, רויטע פּנימ'ער — פֿ־יש און געזונד, אָבער אזוי אין מיטען דער וואָך — חלשות נעהמט זיך אָן!

אַלטע, פֿערקרימטע, פֿע־חשכ'טע ווייבער; גרינליך־טרוקען גע־בעקין, פֿויל אויבס, — און אַ יודענע נעמט מיט'ן פֿינגער און דרייט זיך אויס אַ פֿויל אפעל אין מויל אַריין — — —

הא, גוט?

און דער גאַנצער מאַרק קען מיך...

און ער האָט הנאה דער מאַרק, דער גביר נעהט דאַוויגען, ער שעמט זיך נישט, מיט'ן טלית־זאַק איבער'ן גאַס! און מען כענשט מיך!

און איך האָב בעקאַנטע אויפ'ן מאַרק!

איינע איז גאָר מיינס אַ כלה געווען! דע־ טאַטע, עליו השלום, האָט מיט איהרען שוין אַ וואָרט געמאַכט... און איהר טאַטע האָט געהאט אַ בשמ'קראַם, פּלעג איך דאָרט, אַז איך האָב ערגיץ אויס־געקאַשפּערט אַ צווייער, באַקסאַר קויפֿען; מיט אַ מאָל פֿאַר אַ צווייער באַקסאַר! זי פֿלעגט רויט ווערען, אונטערן טיש פֿלעגט זי שטעהען; שמחת תורה צו הקפות האָב'מיר זיך — חא — הא — חא! צווישען עולם אין פּאַליש געפֿונען, ביי די הענד געהאַלטען, דערנאָך איז ביי מיר אין דער האַנד אַ ביסיל מאַנדעלן געבליבען! נאָר באַלד נאָך יום־טוב האָט מיר דער טאַטע, עליו השלום, געזאָגט, אַז חיים יוסל, אַזוי האָט ער געהייסען איהר פֿאָטער — איז אַ קבצן, אַ באַנקראָט, אין געוועלב שטעהען לעדיגע פּודלים אָהן סחורה, אַז ער האָט איהם געוואָלט אַריינגאַרען אין זאַק, וכרומה אין אויס שדוך...

באַלד דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזען אַז מיין זווג איז אַ חולנית; זי האָט אויך בעקומען עפּיס אַ שווינדזיכטיגען מלמד, רחמנא ליצלן, באַלד איז זי געוואָרען אַ „וויסטע אַלמנה״ און אַז איך געה דורך — קוקט זי אויף מיר מיט מילכיגע אויגען...

און נישט זי אַליין, נאָך אַ בעקאַנטע האָב איך דאָרט — — אויך איין אַלמנה —

און דער מאַן איהרער האָט פֿאַר דער פּטירה געוואָלט זיין מיין שותף.

עס איז נאָך געוועזען די פּאַכט אויף כשר פֿלייש, פֿאַר דער ליציטאַציע אין דער גובערניע, און איך האָב מיר דעמאָלט געזוכט אַ שטיקיל עסק, מיינס אַ פֿעטערס איין איידאַם (שוין ביידע אויפ'ן עולם האמת), אויך אַ יונגער מאַן נאָך קעסט, זוכט זיך אויך אַ שטיקיל עסק, פֿאָרט מען אונז צוזאַמען... יוחנן פּאַכטער איז, לא עליכם, געלעגען איבער אַגאַנר (ער איז אויך נישט דאָ, להבדיל בין החיים והמתים) מאַך מיר זיך ביידע נישט וויסענדיג, און ערשט אַ טאָג פֿריהער האַפּ' מיר בסוד סודות עקסטראַ־פּאַסט און מען פֿאָה־ט אין דער גובערניע אַריין... מיר וואָלט'מיר ביידע גענומען די פּאַכט, וואָלט איך אַ קלענע־ער עושר געוועזען...

וואָס טהוט אָבער גאָט?

מיין ירוחם (אַזוי האָט ער געהייסען) פֿאַלט אונטערוועגס אַוועק — מיט געגזענס האָט ער זיך אָנגענעסען און מיט קאַלט ביער פֿערטרונ־קען — דאָס געלד האָב איך געהאַט ביי מיר, לאָז איך איהם איבער אין אַ שטעדטיל גאַנ'ץ חרוב, שיק אַ שליח מיוחד נאָכ'ן ווייב, און פֿאָהר ווייטער. רחמנות אהין, רחמנות אַהער — געשעפֿט איז געשעפֿט. און וואָס וואָלט ער געהאַט דערפֿון, ווען איך אַליין בלייב אויך נישט ביי דער פּאַכט, וואָלט איך אַליין געבליבען אַ קבצן! אַזוי האָב איך גענומען די פּאַכט, אַז איך בין צוריק געקומען, איז זי שוין איין אַלמנה געוועזען..

נו, מיט איין אַלמנה און יתומים מאַכט מען קיין שותפות נישט, האָב איך אַרויסגעגעבען אַ וועקסיל אויפ'ן געלד, צוגעשריבען פּראָצענט און היינט ז'יצט זי אויפ'ן מאַרק... די עטליכע רובל צו נישט געוואָרען...

פֿערשטעהט זיך אַז איך האָב דערפֿון קיין נחת נישט; אַז ווען איך געה דורך, גיט מיר אַ צופּ ביים האַרץ; וואָרום וואָס טהו איך, אַז אַזאַ יודענע וועט אַרויס מיט אַ קללה?

און אַז מען קומט שוין, מיינט איהר, אין בית המדרש אַריין, קלייבט מען שוין נחת?

באַלד אויף די טרעפּ שלעפּט ר׳ בערעלי דיין, סאָפּעט און קרעכצט... אַ גאַרטיל דאַרף ער! אַלע פֿיער וואָכען פֿאַלט ער אַוועק אויפ'ן פּעהלער, טרעפּ זענען פֿאַר איהם סכנות נפשות, — און אַז מען נעהמט איהם צונויף אויף אַ גאַרטיל, מאַכט ער חתונה אַ טאָכטער! טהו עפּיס, אַז אַ יוד האָט פֿאָרט צוועלף טעכטער! דערנאָך וואַ־ט שוין אויף מיר דער בלינדער שוחט! ער איז בלינד געוואָרען האָט קהל צוגענומען אַ נייעם שוחט, בין איך פֿערשטעהט זיך געווען דערביי — אויסגערעדט האָב'מיר, אַז דער נייער שוחט זאָל צאָהלען דעם אַלטען צוועלף גילדען אַ וואָך, צאָהלט ער נישט, אַליין אַ מטופּל! בין איך שולדיג! בלינד איז ער, נאָר ער דערפֿיהלט מיך! און אַז ער דערפֿיהלט מיך גיט ער אַ קרעכץ אויף מיין חשבון. טהייל מאָל זאָגט ער:

— שען פֿערזאָרגט...

האָב איך, מיינט איהר, הנאה דערפֿון?

דערנאָך הויבט זיך ערשט אָן קבצנים ביים אויבען, בטלנים ביים כאָר, און אין אַלע מוז מען זיך אָבריבען, אויסשמעקען זייער מאַכאָרקע... דעם געקומענעם לאַנד־קבצן מוז מען נאָך שלום געבען; און אַז גאָט העלפֿט, איך קום שוין צו צו דער מזרח וואַנד, שטעהט עס אויפֿגעשרי־בען מיט קרייד — גרויסע געכתיב'עטע אותיות — „חיים בן מיכל לרפואה שלמה״; און דער מיכל דאַרף גראַד זיין מיין משרת!

גיהנם, זאָג איך אייך, האָב איך געליטען!

אַ מענש מיט אַ ווייך האַרץ איז נישט גוט...

מיינט איהר אפשר, אַז עס איז מיר פּלוצלינג איינגעפֿאַלען צו אַנטלויפֿען; איינגעפּאַקט און אַרויסגעפֿאָהרען.

ניין, עס איז אויך אַ גאָט־זאַך געוועזען. איך בין גאָר נישט אַזוי קלוג!

אַ ווייב האָב איך געהאַט, ווי געזאָגט, לא עליכם, אַ חולנית.

עס איז איהר וואָס אַ מאָל ערגער געוואָרען.

איך האָב כמעט נישט געוואוסט דערפֿון; זי האָט זיך געהאַט איהר שטוב און האָט ליעב געהאַט צו האָבען אַרום זיך אַלע גבאיטעס, אַל־לערליי שכנות, איך וועל דאָך נישט אַריינגעהן צווישען ווייבער, ביי נאַכט איז בעסער זי זאָל שלאָפֿען.

איינמאָל שיקט זי מיך רופֿען, כאשר בכן, זי וויל פֿאָהרען קיין וואַרשא צו אַ דאָקטאָר.

מהיכא תיתא.

וויל זי נישט פֿאָהרען אַליין.

זאָג איך, איך וועל עמיצען מיטשיקען, איין מענש, צוויי מענשען.

ווייל זי נישט, נור איך זאָל מיט איהר פֿאָה־ען, זי האָט מורא, זי וועט הלילה שטאַרבען אויפֿ׳ן וועג; און שטאַרבען אָהנ׳עס מאַן וויל זי נישט...

האָב איך אָבער גראָד פֿערוויקעלטע געשעפֿטען געהאַט, און אַזוי — פֿאָהר מיט אַ קראַנקע! ביי מיין ווייך האַר׳ץ וואָלט איך אויך, חס ושלום, קראַנק געוואָרען—האָב איך דערווייל אַ ישוב, זאָג איך: כ׳וועל זעהן, אַ ישוב האָבען, שפּעטער, מאָרגען...

דערווייל הער איך אין גאַס, זי שטעהט שמאָל...

דערנאָך ווער איך געוואָהר, אַז הברה קדישא פֿערביינגט זיך אויף מיר אַ קניפּיל, די צייהן שלייפֿען זיי זיך, באשר בכן—די מקוה פֿאַלט איין...

בע! מיט׳ן נוטען ווילען געבען מהיכי תיתא, אָבער אַזוי? נייטען זאָל מען מיך?

דינג איך, אַ שענעם נוטען מאָרגען, אַ פּויערישען לאַנגען וואָגען, אויסגעבעט מיט שטרוי, הייס ארויפֿלעגען די הולנית און פֿאָהר אַריין קיין וואַרשא!

און גערעכט איז זי געוועזען וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין פֿון וואַרשא נישט צוריק קומען...

איין דאָקטאָר, צוויי, דריי דאָקטוירים — און, לא עליכם, ווי אַ הוהן איינגעשלאָפֿען!

וואָס איהר איז געוועזען, ווייס איך עד היום נישט...

נאָר אַ מחיה — 26 רובל קבורה־געלד! ווילסט? גיב אַ נדבה; נישט, נישט!

דערווייל, זיצענדיג שבעה, איז מיר וואַרשא געפֿעלען, פֿאַרהאַנגען, אַ קלאַפּ־שלאָס; אַ גן עדן! אויף אָרענטליכערע גאַסען לאָזט מען אַפילו נישט בעטלען — —

—ניין, זאָג איך—דאָ בלייב איך שוין!

אַלע קליינשטעדטילדיגע גבירים מוזען זיך ציהען קיין וואַרשא— —

י. ל. פּרץ.

---

## וועגען פֿאָלקס־און־קינדער ביבליאָטהעקען.

אַז מען זאָגט „פֿאָלקסביבליאָטהעקען“ מיינט מען געוועהנליך ביבליאָטהעקען, וואָס זענען געעפֿענט געוואָרען צוליעב דעם פֿאָלק, פֿאַר׳ן פֿאָלקס טובה וועגען. דאָס פֿאָלק זאָל קומען און לעזען; געדאַרפֿט וואָלטען אָבער זיין ביבליאָטהעקען, וואָס דאָס פֿאָלק זאָל זיך אַליין עפֿענען, וואָרום נישט אַלץ, וואָס מען טהוט פֿאַר׳ן פֿאָלק איז גוט געטהון. דער רייכער און געבילדעטער מענש, וואָס איז שוין לאַנג ווייט פֿון פֿאָלק, האָט שוין אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהען דאָס געברויך פֿון פֿאָלק און צו פֿיהלען זיינע בעדערפֿענישען און די בעסטע „אַנשטאַלטען“, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען מיט דער עהרליכסטער כונה, ווערען אַרומגעצוימט מיט אַזוינע פֿאָרשריפֿטען און שכל׳דיגע הנהגות, אַז דאָס פֿאָלק פֿיהלט זיך, און נישט אומזיסט, פֿון די אַנשטאַלטען ווי אָבגעשטויסען, און קען זעלטען פֿון זיי הנאה האָבען.

דאָסזעלבע איז מיט פֿאָלקס־ביבליאָטהעקען, וואָס זענען געעפֿענט געוואָרען נישט פֿונ׳ם פֿאָלק, נאָר פֿאַר׳ן פֿאָלק. אפילו אין דייטשלאַנד, למשל, וואָס איז רייך אין פֿאָלקס־ביבליאָטהעקען, האָט דאָס פֿאָלק גאַנץ ווייניג פֿון זיי גוצען, דער וועג צום בוך איז דעם לעזער פֿערצוימט פֿון אַלע זייטען.

איין אָפֿענע ביבליאָטהעק, דו קומסט אריין, נאָר צום בוך איז נאָך ווייט. דו ווילסט לעזען, און מען דערלאַנגט דיר א גרויסען צעטעל, דו זאָלסט פֿריהער איינשרייבען ווער דו ביסט, ווי דו הייסט, וואו דו וואוהנסט און ענטפֿערען אויף נאָך אַזעלכע פּערזענליכע פֿראַגען. דערנאָך מוזט דו אויפֿשרייבען דעם גאַנצען טיטול פֿון בוך, וואָס דו ווילסט בעקומען, מיט׳ן נאָמען פֿון מחבר, מיט׳ן נאָמען פֿון הערויסגעבער און וועלכען באַנד פֿון ווערק דו ווילסט. דאַן ערשט מעגסטו צוקומען צום ביבליאָטהעקאַר, ד. ה. צו דעם אויפֿזעהער אדער בעאַמטען פֿון ביבליאָטהעק און דערלאַנגען איהם דאָס „פֿאַפּיער“. אָפֿט טרעפֿט מען נאָך אָן א ביבליאָטהעקאַר איין אַלטען קרענקליכען מענשען, וואָס איז גאָר בייז נאָך וואָס מען איז איהם מטריח נאָכצוקוקען צי געפֿינט זיך אַזאַ בוך צי נישט, און ערשט נאָך אַלע דיינע הכנות, אויב אין גרויסען צעטיל איז אַלץ ריכטיג אויפֿגעשריבען, און אויב דאָס געווינשטע בוך געפֿינט זיך אין ביבליאָטהעק, דאַמאָלס ערשט... הייסט מען קומען מאָרגען.

פֿערשטעהט זיך אַז אַזעלכע פֿאָרמאַליטעטען שטויסען אָב די לעזער פֿון דער ביבליאָטהעק, ווייל נישט יעדער ווייס אַקוראַט, ווי עס הייסט דאָס בוך, וואָס ער וויל ערשט בעקומען צום לעזען, און נישט יעדער האָט אַזוי פֿיעל געדולד און פֿרייע צייט וואַרטען און גאָכגעהען נאָכ׳ן בוך. און ווען איהר זעהט אַזאַ פֿאָלקס־ביבליאָטהעק, פֿערשטעהט איהר באַלד, אַז ניט דאָס פֿאָלק האָט זי געעפֿענט, אַז ניט דער לעזער האָט זיך אין איהר געשאַפֿען אַנ׳אָרט צום לעזען. פֿערקעהרט, אַז מען קומט נור אריין אין אַזאַ ביבליאָטהעק, דוכט זיך, דאָס אויף אַלע ווענד איז אויפֿגעשריעבען מיט גרויסע אותיות: מען בעט דעם עולם, אַז מען זאָל לאָזען די ביכער צו רוה!

גאַנץ אַנדערש זענען די ביבליאָטהעקען אין אַמעריקא. דאָס פֿאָלק פֿיהלט און פֿערשטעהט דאָרט זעהר גוט, ווי נויטהיג מען מוז האָבען אַ בוך, א צייטונג, און ווי נויטהיג עס איז איינצואָרדענען די ביבליאָטהעקען אויף אַזאַ אופֿן, אַז דער לעזער זאָל האָבען וואָס א פֿרייע־ען און וואָס א בעסערען צוטריט צום בוך. אין אמעריקא איז איינגעפֿיהרט, אַז מען לערנט זיך זיין א ביבליאָטהעקאַר, ווייל דאָרט פֿערשטעהט מען, אַז מען דאַרף צוליעב דעם גוט וויסען אַלע ביכער, מען דאַרף פֿערשטעהען ווי זיך צו בעגעהען מיט אַלערליי לעזער און מען דאַרף קענען אַזוי אַכטונג געבען אין ביבליאָטהעק, אַז אַלע אריינקומער זאָלען וואָס גיכער געפֿינען די ביכער און צייטונגען, וואָסערע זיי פֿערלאַנגען, און די לעזער זאָלען זיך פֿיהלען גוט און אַנגענעהם אין ביבליאָטהעק.

(ענדע קומט)

ש. בעלענקי.

Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer in Krakau

אין אמעריקא איז צו אבאנירען דעם „יוד" אין „די יודישע פאמיליע" אויך אללע אויסגאבען אחיאסף׳ס
ביי: S. Kantorowitz New-Jork 4 Rutgerstr. 4

---

222222

שען
פאר
יעדען
יוד.



איינע פראקטישע יודישע וואנדאוהר פיין פאר שולען און חברות מיט גאראנטיע אויף 3 יאהר אויסגעארבעט פון 2 זארטען האלץ מיט אין פיין ניקעל-נעהיוזע ווערט ארויסגעשיקט אויף נאכנאהמע פיר 3,75 רובל.
אוהרמאכער בעקומען ראבאט!
*И. Каганъ, Варшава, Павья 7.*

---

## דר. פעדעראוואסקי

אסיסטענט פון פראפ׳ פיאדאבאו: געבורטסהילפע און פרויענקראנקהייטען. — נאוויגא-סקא 16 אומזאנסט אין לעטצניצא נאלעווקי 15 פון 3—1.
653

---

ווער עס וויל האבען א געזונטען מאגען זאל קומען צו מיר מיטאגעססען ווער עס וויל האבען פרישע עססען זאל מיין אדרעסע נייטט פערגעססען
ל. לעווין גענשא 18, פארטער.
581

---

## פריילינען און דאמען

ענ ען זיך אויסלערנען גוט שניידען אוי נייהען אין א קורצע צייט דורך ברועף אין ווארגאו, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע אין די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מ דכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט און ביי
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,
507 Варшава.

---

## בעלי בריתי לזכרון תמיד!!!

אדריסתי היא רק בת נ׳ מלים:
Я. Нейдичъ Варшава.
פראספעקט ישולח חנם לכל דורש

---

יעדער וועלכער וויל בעקומען פרישע שמאקהאפטע היימישע מיטאגען צו מעסיגע פרייזען קען עס בעקומען ביי

## י. ה. פאזשעס, ווארשא

דזיקא 11, וו. 13 1־טער שטאק.
573

---

דאקטאר
## אנטאני טוכענדלער

נימט אן מיט מאגען און דארם קראנקהייטען אין דער 'עטשניצא מיראוזסקא 29 פון 10 אוהר פריה ביז $2^1/_2$ פריוואט וואהנונג כארשאלקאווסקא 95

---

## מוזיקער אונד מוזיקפריינדע

בעקומען פאן מיר פראספעקט פונ׳ם בריעפליכען אונטערריכט אין טהעאריע דער מוזיק אין לשון־קדש און זשארגאן. פיר 14 ק. מארקע.
*А. Б. Бирнбаумъ, Ченстоховъ.*
*A. M. Birnbaum, Czenstochau.*

---

## מיטעלען צום לעבען.

אללע לעהרעס וועלכע איך לעהרען מאכען: זייף, ברען-עהל, שוה־וואקס, וואגענשמיר, גלאזור, פאקאסט, טינט און נאך פיעל אנדערע (ביז 48 ארטיקעלן) האב איך צוזאמענגעשטעלט אין א בוך פיר וועלכע דער פרייז איז 3 רובעל. איך אנטווארטע אויף פראגען, אויך שיקקע איך ראהמאטעריאל לויט פערלאנג.

И. М. МАТУЗОНЪ
Варшава, Милая 17.

מיר מאכען אויפמערקזאם אז דאס בוך קאסט 3 רובל, ניט ווי אין די פריהערדיגע נומערן איז געווען בטעות געדרוקט 1 רובל.
659

---

## אהוב את המלאכה 655

אלע סארטען שפיגעל - מאכען גרינדליך לערנט אויס דער 25 יעהריגער פראקטיקאנט אין די שפיגעלפאבריקאציאן
Юдка Вейнблятъ
Варшава, Слизская 22.

---

## ליעדער מיט נאטען.

עס זענען ארויס 6 ליעדער מיט נאטען (קלאוויר בעגלייטונג) א) שלאף מיין קינד, ב) על נהרות בבל, ג) זר גדיא, ד) תחית המתים ה) פרייטאג נאך האלבען טאג, ו) על הר העברים.
667

צו בעקומען ביים פערפאסער:
*Ясногродскій м. Рокитно, кiев. губ.*
און אין אלע קיעווער בוכהאנדלונגען.

---

## מעשענע שטעמפער

און שטאנצען צו זייף און צו אנדערע פאבריקאטען גוט און בילינ, ביי
А. Мокъ, Варшава
544 Купеческая 12.
איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

---

דר. מ. גאטטליעב
ארדינאטאר דער קיווערליכען אוני-ווערסיטעט-קליניק
ווארשא. קארמעליצקא 4. 471

---

37 37



## גענען מערידען און פוקלעס!

אפאראט וועלכער היילט גרינדליך
אהנע אפעראציע פרייז 2 ר׳ 50 קאפ.



598 **Д. МОШКОВСКІЙ.** Варшава, Н*левки 37.

37 37

---

## שפיגעל־פאבריק

## ל. אידעלזאק, ווארשא

ביעליאנסקא נר׳ 1

עמפפעהלט זיין גראססעס לאגער פאן שפיגעל, שפיגעל־גלאס, טרוימאס אין דעטאיל אונד ענגרא.
466

---

נייע ערעפענט

# א יודישע בוכהאנדלונג אין ווילנא.

פערקויף אנגרא עט דעטייל.

זעהר א גרויסער אויסוואהל פון אלע מעגליכע ספרים. ספרי רומיל, שסי"ן, פיסקים, שו"ת, ספרי דרוש, מחקר וספרי מדע, ספרי השכלה, נייע אויך אלטע (יקרי המציאות), ספרי למוד (לעהרע ביכער) און ווערטערביכער, אויך מיט איבערזעצונג אין פערשידענע שפראכען, אלע מעגליכע זשארגאנישע אויסגאבען, ווי ווייסענשאפטליכע, היסטארישע, ראמאנען, ערצעהלונגען, פערשידענע יודישע בילדער, נאטען, קאלינדארפישע-העפטען, ווינשקארטען, חתונה און ברית בילעטען.

א גרויסער אויסוואהל פון אלעס וואס געהערט צו א יודיש בוכהאנדלונג, טליתים, ציציות, תפילין, מזוזות, רצועות, שופרות, קאפלען, נארטלען, מענטעלאך א. ז. וו.

איך נעם אן ספרים אין קאמיסיאן. פערפאסער און הערויסגעבער ביטע 1 עקזעמפלאר צום פראבע שיקען.

איך נעם אן אבאנענט, אויף העברעאישע און זשארגאנישע יודישע צייטונגען.

בוכהענדלער, לעהרער, ציוניסטישע ביבליאטהעקען בעקומען ראבאט.

איך האפע אז ווער עס וועט זיך ווענדען אין מיין „נייע בוכהאנדלונג" וועט בעהאנדעלט ווערען.

פינקטליך, רעעל, מיט מעסיגע פרייזען.

פער נאכנאהמע, שיק איך נור בעקומענדיג 10% האנדגעלד.

מיט האכאכטונג

שלמה שרעבערק, בוכהענדלער.

מיין אדרעסע: Книжный магазинъ З. Ш. Среберка
Вильно, Завальная ул. д. Блоховъ.
Buchhändler S. Sch. Sreberk, Wilno.

---

ФАБРИКА и СКЛАДЪ
Морскихъ Раковинъ
въ очищенномъ и шлифованномъ видѣ
Изготовленіе изъ бронзы и Раковинъ
Письменныя, галантерейныя туалетныя и роскошныя вещи.
А также отливаніе по моделямъ всѣхъ металловъ. 579
Адрес: В. А. ТРАЙНИНУ
Варшава, Налевки 35.

---

ד"ר ל. לעווין
[illegible]
מארשאלקאווסקא נר׳ 25.

מ־אשית שנת 1903 יחל להופיע בווארשא

# הצופה

מכ"ע חדש בשפת עבר, יוצא לאור מדי יום ביומו ומוקדש לכל עניני ישראל, לדברי המדינות, לספרות ומדעים, למסחר ולכל שאלות החיים.

מכתב־עתי זה יביא לקהל קוראיו חדשות הנעשות בכל העולם בכלל ובישראל בפרט—מן המקורות הראשונים; גם סופרים מיוחדים הפקיד לו בערי ארצנו ובחו"ל אשר יודיעו לו כל דבר נפל בישראל ובעמים.

„הצופה" ישים את עינו ג"כ על החלק הספרותי לשכללו ולהעלותו למדרגת השלמות, ויתאמץ למשוך אליו את כל הכחות היותר טובים בספרות העברית.

פרוספעקט מפורט ישולח לכל דורש חנם.

מחיר „הצופה":

לשנה — 6 רובל.
לחצי שנה — 3 „
ולרבע שנה 1.50 „

העורך—המו"ל:
אליעזר אליהו פרידמן.

הכתבת:
„Газета Гацофе", Варшава, почт. ящикъ 77.
„Gazeta Hazofe" Warschau, Postkiste 477.



לקוני הלוח

# „אחיאסף"

אנחנו מודיעים, כי המהדורא הראשונה מהמאסף הספרותי הזה לשנת תרס"ג נמכרה לגמרי, ומדפיסים אנחנו עתה ממנה

## מהדורא שניה.

כל אלה אפוא אשר אחרו לדרוש את ה„לוח" אחרי המכרו, יקבלוהו בעוד כעשרה ימים.

ואלה החפצים בה„לוח" יאבו לזרז בדרישתם, מפני שאנחנו מדפיסים אותו עתה במספר מצומצם מאד.

מחיר הלוח־היובל הזה אשר בו השתתפו כל טובי סופרינו והעשיר מאד באיכות וגם בכמות, כי מחזיק יותר מן 40 גליונות בדפוס ונדפס על ניר טוב – 1.50 ר', ועם פארטא 1.85 ר'. מכורך הדר 1.90 ר' ועם פארטא 2.25 ר'.

Издательство „Ахiасафъ", Варшава. | Verlag „Achiasaf", Warschau.